STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02313

# 30 YOR SOTSYALISTISHE IDEEN IN RUSLAND

Isaac Nachman Steinberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. נ. שטיינבערג

# 30 יאָר סאציאליסטישע אידעען אין רוסלאנד

פ א ר ל א ג ח. ב ו ש א ז א
ווארשע 1935

PRINTED IN POLAND

I. N. STEINBERG

Drajsik jor Socjalistysze ideen

in Rusland

Wydawnictwo Ch. Brzoza

Warszawa, 1935

Druk. „Rekord“ Warszawa, Zamenhofa 18.

# דרייסיק יאָר סאָציאַליסטישע אידעען אין רוסלאַנד

## I

מיט אַ צייט צוריק האָט יוסף קאַהאַן מיר פאָרגעשלאָגן אָנצושרייבן אַן אַרטיקל פאַר דעם „פרייע-אַרבעטער-שטימע"-זאַמלבוך לכבוד איר דרייסיק-יאָריקן יובילײ. דעם פאָרשלאַג האָב איך, פאַרשטייט זיך, אָנגענומען מיט גרויס הנאה. אָבער די טעמע, וועלכע ער האָט פאָרגעשלאָגן, האָט אַרויסגערופן ביי *מיר ספקות*. „די סאָציאַליסטישע שטרעמונגען אין רוסלאַנד פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר" — דאָס איז אַ טעמע, וואָס מוז אָפּשרעקן. ראשית, וואָס איז עס פאַר אַ צייט-פעריאָד דווקא דרייסיק יאָר? די געשיכטע פון אידעען און באַוועגונגען איז גאָרנישט געוווינט אָפּצושטעלן זיך אויף אַזעלכע צופעליקע צייט-גרעניצן, אום צו מאַכן סך-הכּל און אויסקוקן אויף להבא. און צווייטנס, צי קען מען גאָר אונטערפירן סך-הכּל און מאַכן פּראָגנאָזן אין אַ צייט, וואָס איז פול מיט נישט פאַרענדיקטע באַוועגונגען, וועלכע שטייט אין מיטן פלוס פון אַ שטורעמדיקער סתירות-פולער אַנטוויקלונג?

און פונדעסטוועגן, דוכט מיר, טאָר מען זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגן פון אַזעלכע איבערזיכטן, ווייל זיי באַדייטן דאָך *אייגנטלעך שטענדיק* אַ מין חשבון הנפש און אַ חשבון הנפש אין דער סאָציאַלער אַקטיוויטעט קען מען נישט אָפּלייגן ווי ימים טובים אָדער ימים נוראים אויף באַשטימטע טערמינען, ווייל מיט וואָס טאַקע איז 25 אָדער 50 יאָר מער באַצייכנט, ווי 30 יאָר? מיט וואָס האַלטן זיי שאַרפער אויף דעם אימאויפהערלעכן פלוס פון די גייסטיקע און סאָציאַלע דערשיינונגען? און זאָל מען נישט זאָגן, אַז אונזערע השערות און צוריקבליקן קענען נישט האָבן קיין ממשותדיקן באַטייט, ווייל מיר אַלע שטייען נאָך אין סאַמע מיטן פון אַן אומרואיקער און אָרדנונגסלאָזער באַוועגונג. דווקא דערפאַר, ווייל די אַמאָל מעכטיקע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איז היינט אין תוך צעקלאַפּט און צעבראָכן, דווקא דערפאַר, וואָס מיר לעבן אין אַ גייסטיקן צושטאַנד, וואָס ווערט פאַרגאָזן מיט כוואַליעס דאָ פון יאוש, דאָ פון נייער באַגייסטערונג, — דווקא דערפאַר

מוזן מיר ביי יעדער וויכטיקער געלעגנהייט אַרומקוקן זיך און ווידעראַמאָל צוריפקלייבן אונזער גייסטיקן אייגנטום. אַ חשבון הנפש איז באַזונדערס נויטיק פאַר די ל י נ ק ע שטרעמונגען אין סאָציאַליסטישן געדאַנק, ווייל זיי האָבן געליטן די גרעסטע אַנטוישונגען, ווייל זיי טראָגן אין זיך קערנדלעך פון אַ נייער רעוואָלוציאָנערער צוקונפט. מיט דעם טיפסטן געפיל פון אחריות מוז מען ווידעראַמאָל דורכקוקן די גייסטיקע ירושה, וועלכע מיר האָבן דער-האַלטן פון דעם פריערדיקן רעוואָלוציאָנערן דור. פון אַזאַ חשבון הנפש וועלן וואַקסן די שפּראָצונגען פון אַ נייעם, מער קלאָר-דענקנדיקן, מער ענטוזיאַס-טישן דור.

און ווו האָבן מיר געקראָגן אַ גרעסערע גייסטיקע ירושה צום אונטער-זוכן, ווי אין רוסלאַנד? און ווען איז די ירושה מער אויסגעוואַקסן, ווי אין די לעצטע דרייסיק יאָר?

## II

מיר וועלן פרווון מאַכן אַן איבערבליק איבער די דרייסיקיאָריקע אַנט-וויקלונג פון די סאָצ. אידעען אין רוסלאַנד. דאָס זאָל נישט זיין אַן איבערבליק איבער דעם גאַנג פון די פאַקטישע געשעענישן פאַר דער צייט, אויך נישט אַ כאַראַקטעריסטיק פון דער סאָציאַל-עקאָנאָמישער און פּאָליטישער סביבה, אין וועלכער ס'האָבן זיך אַנטוויקלט די אידעען. עס זאָל זיין נישט מער ווי אַן איבערבליק פון די הויפּט-ריכטונגען פון סאָציאַליסטישן ג ע ד אַ נ ק, אויף וויפל זיי האָבן אַרויפגעלייגט זייער שטעמפל אויף דעם אויפבלי און די אַקטיוויטעט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין רוסלאַנד. נאָר אין די הויפּט-שטריכן קענען געשילדערט ווערן דידאָזיקע ריכטונגען.

אַזעלכע ריכטונגען האָבן זיך אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט, אונ-געפער אין די יאָרן 1900—1903, אויסגעבילדעט פיר. דאָס זענען געווען דיביידע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע ריכטונגען (מענשעוויזם און באָלשעוויזם), די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, די אַנאַרכיסטן (אויב מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן אויף זייער הויפּט-שטרעמונג: די אַנאַרכאָ-קאָמוניסטישע). און ווידעראַמאָל מוזן מיר אַריינטראָגן אַ באַגרעניצונג אין אונזער אַרבעט. מיר קענען דאָ נישט באַטראַכטן דידאָזיקע גרויסע אידעען-קאָמפּלעקסן אין זייער גאַנצער ברייט און טיף. מיר מוזן אַרויסנעמען צו דער כאַראַקטעריסטיק פון די אַלע שטרעמונגען נאָר געוויסע ה ו י פּ ט - פּ ר אַ ג ן, אַזעלכע הויפּט-פראַגן, וועלכע האָבן זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין די ברענענדיקסטע פּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציאָנערער פּראַקטיק. מיר מיינען דערמיט אייניקע פון יענע פראַגן, ביי וועלכע עס האָט זיך שפּעטער — אין דעם נסיון פון לעבן — אַנטפּלעקט די עכטע, אָפטמאָל פאַרבאַהאַלטענע נאַטור פון די פאַרשיידענע ריכטונגען. אַזעלכע פראַגן זענען פאַר אונז פיר: די פאַרשטעלונג וועגן ע ק אָ נ אָ מ י ש ן אַנטוויקלונגס-וועג פון אַרבעטער-קלאַס; די פּ אָ ל י ט י ש ע אידעאַלן פון אַרבעטס-מענטש; די באַציאונג צום מלוכה-פּ אָ ט ע ר ל אַ נ ד (און ממילא אויך צו דער מלחמה-פראַגע); די א י נ ע ר ל ע כ ע באַציאונגען

פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג (ד. ה. פראַגן פון פּאַרטיי-אויפבוי און מאָראַל).

אין די פיר אַרטן פון פראַגן האָבן זיך געקענט גענוג קלאָר אַנטפּלעקן אַלע רעוואָלוציאָנערע הויפּט-ריכטונגען אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר. אין דער צייט קען מען אונטערשיידן דריי גרויסע צייט-אָפּשניטן, וואָס יעדער פון זיי האָט געטראָגן אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. די ערשטע עפּאָכע נעמט אַרום די צייט פון אָנהויב יאָרהונדערט ביז 1914, ד. ה. ביזן אויסברוך פון דער וועלט-מלחמה. די צווייטע עפּאָכע איז — די מלחמה-קאַטאַסטראָפע; די דריטע — די רעוואָלוציע 1917 און מיט איר פאַרבונדענע אַנטוויקלונג ביז היינט. די דריי תקופות זענען, ווי שווערע רעדער פון דער וועלט-געשיכטע, געטראָטן איבער אַלע גרויסע רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען און האָבן זיי טיף איבערגעאַקערט און איבערגעאַנדערשט. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אַלע סאָציאַליסטישע וועלט-בילדער, וועלכע עס האָט מיט אַזויפיל אידעישן ברען און טאַלאַנט אויסגעאַרבעט יעדע פון די פיר גרויסע שטרעמונגען אין אָנהויב פון די דרייסיק יאָר, זענען צום סוף פון די יאָרן אין אַ גרויסער מאָס באַשעדיקט געוואָרן. אַז עס זענען געקומען די אַנטשיידנדיקע צייטן פון רעוואָלוציאָנערער טאַט, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַ טייל סאָציאַליסטישע קעמפער האָבן פאַרלייקנט זייערע אייגענע וועגן, אַ טייל האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן אויף ווילד-פרעמדע נייע וועגן, אַ טייל איז ווי אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער לעבעדיקער געשיכטע. עפּעס ווי אַ גייסטיקע ערד-ציטערניש האָט זיך דורכגעטראָגן איבער די אַלע סאָציאַליסטישע געביידעס, און מען מוז איצט מיט מי ווידער אויפזאַמלען די שטיינער און די מאַטעריאַלן פון די חורבות, אום אויפצובויען אַ נייע זעלבסט-דערקענטעניש און אַקטיוויטעט.

## III

מיר וועלן אָנהויבן מיט יענער שיטה, וועלכע איז געווען קעניגלעך הערשענד אין דעם אָנהויב פון יאָרהונדערט: מיט דער מאַרקסיסטישער ס אָ צ י אַ ל - ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע. מען קען אַמבעסטן כאַראַקטעריזירן איר גייסטיקן פּנים, אויב מען נעמט אין באַטראַכט פינף פּונקטן פון איר פּראָגראַמאַטישן יסוד. די סאָצ.-דעמאָקראַטיע איז געווען, לויט איר מהות, א י נ ד ו ס ט ר י ע ל, ריין - פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש, א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל, מ ל ו כ ה ש, מ אַ ס נ ה אַ פ ט (אַנטי-פּערזענלעך). אין דעם מהות איז נישט געווען לכתחילה קיין אונטערשייד צווישן מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס.

1) אין דער רוסישער סאָצ.-דעמאָקראַטיע האָט געלעבט נישט נאָר טעאָרעטישע דערקענטעניש פון דער היסטאָריש-פּראָגרעסיווער באַדייטונג פון א י נ ד ו ס ט ר י ע ל ן קאַפּיטאַליזם. דידאָזיקע טעאָרעטישע אָנערקענונג איז — לויט דער פּסיכאָלאָגישער נאַטור פון אַ רוסישן סאָציאַליסט — באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ התלהבותדיקע באַציאונג צום קאַפּיטאַליזם,

אויסגעמישט מיט אַ יראת הכבוד. מען איז געוואָרן ווי פאַרשכּורט פון זיינע „סאָציאַליסטישע״ מעלות. דאָס איז געקומען צוליב צוויי טעמים: ווייל מען האָט אַריינגעזויגן אין זיך די שיטה פון אינדוסטריעלן מאַרקסיזם און ווייל מען האָט דעמאָלט געהאַלטן אין קאַמף קעגן די נאַראָדניקעס. ווי באַקאַנט, האָבן די נאַראָדניקעס אין זייערע טעאָרעטישע סברות געהאַלטן, אַז ס'איז נישט היסטאָריש-נויטווענדיק, אַז רוסלאַנד זאָל אויך מוזן דורכגיין די שבעה מדורי גיהנום פון אייראָפּעישן קאַפּיטאַליזם. זיי האָבן געזען די געוואַלטיק-צעשטערנדיקע ווירקונגען פון „אַנטוויקלטן״ קאַפּיטאַליזם אין די מערב-לענדער און זיי האָבן געזוכט אין דער סאָציאַלער ווירקלעכקייט פון רוס-לאַנד שטיץ-פּונקטן פאַר אַן אַנדערער אַנטוויקלונג צום סאָציאַליזם. און סאַקע מאַרקס מיט ענגעלסן, ביי וועלכע די טעאָרעטישע סכעמעס האָבן אָפטמאָל נישט פאַרטעמפּט זייער רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, האָבן אין בריף צו איינעם אַ רוסישן נאַראָדניק (ניקאָלאַיאָן-דאַניעלסאָן) אונטערגעשטראָכן, אַז ביי גינסטיקע באַדינגונגען קען אין רוסלאַנד די אָבשטשינאַ (די ערד-געמיינ-שאַפט) ווערן אַן אויסגאַנגספּונקט פאַר אַ שנעלערע סאָציאַליסטישע אַנטוויק-לונג, ווי אין מערב. אויב אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וועט זיך דער פּראָלעטאַריאַט דערנענטערן צו אַ רעוואָלוציאָנערער רייפקייט, וועט דער אַנ-שטורם פון די רוסישע פּויערים, וואָס זענען נאָך פאַרבונדן מיט דער האַלב-קאָלעקטיוויסטישער אָבשטשינאַ, קענען ווערן אַ שטויס פאַר דער וועלט-רעוואָלוציע. אָבער די רוסישע מאַרקסיסטן, וועלכע זענען געוואַקסן אין קאַ ף ק ע ג ן די נאַראָדניקעס, האָבן נישט געוואָלט אַפילו צולאָזן אַזעלכע געדאַנקען. און ווערא זאַסוליטש, די באַגרינדערין פון דער רוסישער ס.-ד., האָט זיך געוווּנדערט מיט אַ בריוו פול מיט שרעק און טענות צו ענגעלסן וועגן דעם.

פּלעכאַנאָוו האָט שוין אין זיינע ערשטע שריפטן, וווּ ער האָט געפירט דעם אַנגריף קעגן די נאַראָדניקעס, געהויבן אין הימל אַריין די ישועה-ראָל פון קאַפּיטאַליזם בכלל, און פון אויפקומענדיקן רוסישן קאַפּיטאַליזם בפרט.

אין זיין בוך „אונזערע חלוקי דעות״ (1884) ציטירט ער מאַרקסן, ענגעלסן, דעם קאָנסערוואַטיוון עקאָנאָמיסט ראָדבערטוס און דעם אַנאַרכיסט באַקונין, וועלכע באַווייזן די היסטאָרישע ראָל פון דער בורזשואַזיע און איר רע-וואָלוציע. ער ברענגט פון באַקונינס בוך „גאָט און שטאַאַט״ (1882) פאָלגנדיקע ווערטער: „זינט דער צייט פונם רענעסאַנס און רעפאָרמאַציע ביז צו דער רעוואָלוציע איז די בורזשואַזיע, אויב נישט אין דייטשלאַנד, איז אין אי-טאַליע, פראַנקרייך, ענגלאַנד, האָלאַנד, געווען דער העלד און דער פאַרטרע-טער פון דעם רעוואָלוציאָנערן געניוס פון דער געשיכטע. פון אירע טיפעניש איז אַרויסגעקומען דער גרויסער טייל פון די פרייידענקער פון XVIII יאָר-הונדערט, די רעליגיעזע רעפאָרמאַטאָרן פון די צוויי פריערדיקע דורות און די נביאים פון דער מענטשלעכער עמאַנסיפּאַציע. זיי האָבן פּראָקלאַמירט דעם שטורץ פון דער קעניגלעכער מאַכט און קירך, די ברידערלעכקייט פון די פעלקער, די רעכט פון מענטש און בירגער — אָט דאָס זענען אירע „אומשטערב-

לעכע רעכט". און איצט איז מוסיף דערצו פּלעכאַנאָוו: „און אָט לפנים פון אַזעלכע אומשטערבלעכע פאַרדינסטן פון דעם מערב-אייראָפּעישן קאַפּיטאַליזם דערקלערט אַ נאַראָדניק, אַז דערדאָזיקער אַנטוויקלונגס-וועג איז דאָך נישט געווען דער בעסטער וועג פון אַלע. אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער בורזשואַזיע זעט ער נאָר „דאָס אומענדלעכע בייז און די מעכאַנישע צונויפשמידונג פונם אַרבעטער". אָט נאָר אין דער צונויפשמידונג זעט ער די גאַנצע באַדייטונג פון דער גרויס-פּראָדוקציע. ער איז אַפילו נישט מרמז אויף יענע, ווי פון כשוף געשאַפענע, מעכטיקע פּראָדוציר-מיטלען, וואָס נאָר זיי אַליין האָבן געקענט צוגרייטן דעם זיג פון פּראָלעטאַריאַט! און וועגן דעם איינפלוס פון קאַפּיטאַליזם אויף די אַנטוויקלונג פון דער פילאָזאָפיע, עפנטלעכן און פּריוואַטן רעכט, נאַטורוויסנשאַפט און ליטעראַטור האָט ער נישט קיין ברעקל פאָרשטעלונג*).

דערדאָזיקער בלינדער גלויבן אין דער משיח-ראָל פון קאַפּיטאַליזם איז געווען פאַרשפּרייט אַמאָל צווישן אַלע מאַרקסיסטן. איך וויל מיר דער-לויבן דאָ מאַכן אַ שפּרונג אָן אַ זייט און ציטירן איטאַליענישע מאַרקסיסטן מיט אַ יאָר צוואַנציק שפּעטער. אין 1904 זענען אין דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער גרופּע פון לאָזאַן און דער שווייץ געווען צוויי חשובע מיטגלידער: סערראַטי און מוסאָליני. דעם 1-טן סעפּטעמבער האָט מען דאָ באַהאַנדלט די פראַגע וועגן קאָלאָניאַלער פּאָליטיק. האָט סערראַטי (דער שפּעטערדיקער הויפּט-פירער פון דער סאָצ. פּאַרטיי אין איטאַליע) דערקלערט: „די סאָצ. פּאַרטיי קען נישט באַטראַכטן מיט אַ שלעכט אויג די קאָלאָניאַלע דעראָבערונגען. זיי זענען אַ נויטווענדיקייט פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, וועלכער נויטיקט זיך אין דעראָבערונג פון בייע מערק, אום אָפּצושוואַכן די קריזיסן פון איבערפּראָדוקציע, וואָס קומען פון דער אַנטוויקלונג פון דעם מאַשיניזם און פון דער פּראָדוציר-אַנאַרכיע. נאָר אין דעם שויס פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט וועט געבוירן ווערן דער סאָציאַליסטישער סדר. אָט פאַרוואָס מיר זענען פאַראינטערעסירט, אַז די בורזשואַזיע זאָל זיך אַנטוויקלען, זאָל פאַרשקלאַפן נייע לענדער און זאָל אַרויפצווינגען דאָרטן אירע נייע פּראָדוציר-מעטאָדן און איר ציוויליזאַציע". — מוסאָליני האָט באַקעמפט דידאָזיקע מעטאָדע. „די קאָלאָניאַלע דעראָבערונגען זענען אַ זיכערקייט-ווענטיל פון דעם בירגערלעכן רעזשים. בעת אַ קריזיס באַדראָט די בורזשואַזיע און די אַרבעטער, געטריבן פון אַרבעטסלאָזיקייט און עלנט, זענען גרייט צו אַ רעבעליאָן,— קומט די קאָלאָניאַל-פּאָליטיק, שוואַכט אָפּ די אַרבעטסלאָזיקייט און דערוועקט אין די מאַסן נאַציאָנאַליסטישע גע-פילן". ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די מאַרקסיסטן האָבן נישט געהאַט אין זינען אויף אַ רגע די אינטערעסן פון די „איינגעבוירענע" קאָלאָניאַלע אַרבעטס-מענטשן; זיי האָבן נאָר אָפּגעהיט די אינטערעסן פון דעם „רעוואָלוציאָ-נירנדיקן" קאַפּיטאַליזם. וואָס איז דען דער וווּנדער, אַז מיט 20 יאָר פריער האָבן די רוסישע מאַרקסיסטן, וועלכע האָבן נאָך דער ירידה פון דער

*) ווערק, פון ג. פּלעכאַנאָוו, באַנד II מאָסקווע 1928.

ערשטער נאַראָדנישער כוואַליע אין רוסלאַנד געזוכט אַ נייעם וועג, זיך מיט פייערדיקער איבערגעבנקייט אָנגעכאַפּט אָן דעם קאַפּיטאַליזם, אַלס גואל?

און דערמיט איז געווען פאַרבונדן די גרויסע היסטאָריש-פּראַקטישע פראַגע וועגן דער אָפּשאַצונג פון דער זיך דערנענטערנדיקער ר ע וו אָ ל ו צ י ע אין רוסלאַנד. זענען די רוסישע ס.-ד. געווען פאַרכאַפּט פון דעם קאַפּיטאַליסטישן מיף (מיטאָס) פון אַ סאָציאַליזם, האָבן זיי געמוזט דערוואַרטן פאַר רוסלאַנד קודם כל אַ בירגערלעך-קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג. און ווי דער מנהג איז ביי אַקטיווע גייסטער, האָבן די ס.-ד. שוין נישט נאָר טעאָרעטיש פאָרויסגעזען, נאָר אויך באמונה ג ע וו אָ ל ט וואָס גיכער און שטאַרקער אַזאַ מין אַנטוויקלונג. אין ד ע ר הינזיכט איז נישט געווען קיין נפקא מינה צווישן פּ. אַקסעלראָדן, דעם לאָגישסטן קאָפּ פון מענשעוויזם, און לענינען, דעם פאָטער פון באָלשעוויזם. מיר וועלן שפּעטער זען די טיף-גייענדיקע חלוקי דעות צווישן זיי, אָבער אין דערויף זענען זיי געווען אייניק. אין יאָר 1898, בעת עס האָט זיך קריסטאַליזירט די ס.-ד. פּאַרטיי, האָט אַקסעלראָד געשריבן אין זיין באַקאַנטער בראָשור („די היסטאָרישע לאַגע און די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון ליבעראַלער און סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד") בזה הלשון: „דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט קען ביי דער איצטיקער אַנטוויקלונגס-שטופע פון רוסלאַנד נישט גיין ווייטער, ווי צו אַ ראַדיקאַל-דעמאָקראַטישן ל י ב ע ר אַ ל י ז ם. וועגן דעראָבערונג פון פּאָליטישער מאַכט פאַר זיך אָדער וועגן רעפאָרמירן די בירגערלעכע געזעלשאַפט אונטערן צייכן פון סאָציאַליזם קען ביי אונז דערווייל נישט זיין קיין רייד... די נאָנטסטע אויפגאַבע פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט איז נישט די פאַרניכטונג פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט, נאָר, פאַרקערט, ד ע ר אָ ב ע ר ו נ ג פ אַ ר א י ר. וואָס מער גינסטיקע באַדינגונגען פון עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג, וואָס מער ענערגיש און באַוווסטזיניק די רעוואָלוציאָנערן פון אַרבעטער-קלאַס וועלן שטרעבן צו דעם ציל, אַלץ מער וועלן זיי דינען אויך די ספּעציעלע אינטערעסן פון זייער קלאַס".

אַזוי האָט גערעדט דער מאַרקסיסט אין אָנהויב פון דער באַוועגונג. נישט אַנדערש — לענין אין יאָר 1905, בעת דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. אין זיין בראָשור („צוויי טאַקטיקן פון ס.-ד. אין דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע"), וווּ ער פירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן די מענשעוויקעס, דערקלערט ער אָבער גאַנץ קלאָר: „צי זאָגן מיר זיך אָפּ פון דער איבערצייגונג, אַז די אָנקומענדיקע רוסישע רעוואָלוציע וועט טראָגן אַ ב י ר ג ע ר ל ע כ ן כאַראַקטער? ניין... עס איז ר ע אַ ק צ י אָ נ ע ר דער געדאַנק צו זוכן די ישועה פון אַרבעטער-קלאַס אין עפּעס אַנדערש, איידער די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. ער איז דערפאַר אומבאַדינגט פאַראינטערעסירט אין דער סאַמע ברייטער, פרייער, שנעלער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם".

2) אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם און בירגערלעכע געזעלשאַפט זענען אַזוי אַרום געוואָרן די נויטווענדיקע פאָרמען פון סאָציאַליזם!

ממילא איז ביי די ס.-ר. אַרויסגערוקט געוואָרן אויפן ערשטן און זעלבסט־הערשנדיקן פּלאַץ דער פּראָלעטאַריאַט. דעם פּראָלעטאַרישן קלאַס אַליין איז צוגעטיילט געוואָרן די היסטאָרישע משיח-ראָל אין דער אויסקעמפונג פון סאָציאַליזם. מיר וועלן באַלד זען, ווי פאַרשיידנאַרטיק די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס האָבן אָפּגעשאַצט די פּאָליטישע רייפקייט פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט. אָבער ביידע ריכטונגען זענען געווען טיף דורכגעדרונגען פון דער איבערצייגונג, אַז דער פּראָלעטאַריער אַליין טראָגט אויף זיינע פּלייצעס די צוקונפט פון דער מענטשהייט, אַז אַלע אַנדערע קלאַסן און שיכטן, אַפילו אַרבעטנדיקע, קענען זיין נאָר אַ הילפס-געצייג פאַר אים. און ווייל טעאָריע פאַרקניפּט זיך מיט שטאַרקע געפילן, האָט מען דעם פּראָלעטאַרישן קלאַס ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ מין אַריסטאָקראַטישן קלאַס און שטאַנד, וועלכער האָט דאָס רעכט צו קוקן פון אויבן אַראָפּ, מיט גדלות און פאַראַכטונג, אויף אַלע אַנדערע האָרעפּאַשניקעס.

ס'איז אָבער געווען אַ חלוק אין דעם, ווי ס'דאַרף זיך דער רוסישער פּראָלעטאַריאַט באַציִען פּאָליטיש צו אַנדערע קלאַסן פון היינטיקן רוסלאַנד. די מענשעוויקעס, וועלכע האָבן שקלאַפיש איבערגענומען די טעאָריע פון די דייטשע ס.-ד., האָבן געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דער רוסישער בורזשואַזיע, אויף די בירגערלעכע ליבעראַלן. היות ווי דער קאַפּיטאַליזם פאַרניכטעט אומעטום דעם קליין-פּויערים-קלאַס, היות ווי די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד רוקט אַרויס אַלס דעם פירנדיקן פאַקטאָר די בורזשואַזיע, היות ווי דער פּראָלעטאַריאַט איז נאָך שוואַך — אַלזאָ מוז ער גיין האַנד ביי האַנד מיט דעם רוסישן בירגערטום. אַקסעלראָד האָט עס (אין דערזעלבער בראָשור) איינמאָל פאַר אַלעמאָל דערקלערט: „פאַר דעם פּרינציפּיעלן פּאָליטישן אַנטאַגאָניזם צווישן אונזער פּראָלעטאַריאַט און ליבעראַלער בורזשואַזיע איז דער היסטאָרישער באָדן נאָך נישט צוגעגרייט. פאַרקערט, זייער געמיינזאַמע היסטאָרישע לאַגע צווינגט זיי אויף אַ געמיינזאַמען ציל און שטענדיקער צוזאַמענאַרבעט... אין רוסלאַנד געפינט זיך נאָך דער פּראָלעטאַריאַט אין זיין מאַסע אויף אַזאַ נידעריקן שטאַפּל פון קולטור, אַז ער קען זיך נישט דערהויבן — אין די אייזערנע קייטן פון אַבסאָלוטיזם — צו אַ ראָל פון אַ באַוווסטזיניקער רעוו. קראַפט אָן דער הילף פון דער בורזשואַזיע... דער סאַמע בלייכער ליבעראַליזם פון אַ וועלכן נישט איז אינטעליגענט איז דאָך העכער, איידער די אומקולטורעלע וועלט־אַנשויאונג פון די מאַסן...״

דיראָזיקע פּאָזיציע פון געמיינזאַמען גיין מיט דער קאַפּיטאַליסטישער בורזשואַזיע האָט דער מענשעוויזם אָפּגעהיט נישט נאָר דעמאָלט אין 1898, נאָר אויך שפּעטער, שטענדיק, אין אַלע רעוואָלוציאָנערע שינויים פון רוסלאַנד.

לויט דער היסטאָרישער סכעמע, האָט דער פּראָלעטאַריאַט אויף אַזאַ אופן געדאַרפט „אויסנוצן״ פאַר זיך די בירגערלעכע קלאַסן. — לעניִן האָט

אָבער געקוקט אויף דער זאַך אינגאַנצן פאַרקערט. יאָ, די בורזשואַזיע איז נויטיג ווי דאָס לעבן פאַרן גאַנג פון סאָציאַליזם. אָבער דער פראָלעטאַריאַט טאָר זיך נישט פאַרבינדן מיט איר בשום אופן! אין יאָר 1905 האָט ער געשריבן: „דער דעמאָקראַטישער איבערקער אין רוסלאַנד וועט דאָ די איצטיקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען נישט אָפּשוואַכן, נאָר פאַרשטאַרקן די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע... דער אויסגאַנג פון דער רעוואָלוציע הענגט אָבער אָפּ פון דעם, צי וועט דער אַרבעטערקלאַס שפּילן די ראָל פון אַ משרת פון דער בורזשואַזיע (שטאַרק לויט זיין כח, נאָר שוואַך פּאָליטיש), צי די ראָל פון דעם פירער פון אַ פאָלקס-רעוואָלוציע... אוודאי איז די בירגערלעכע רעוואָלוציע אַזאַ, וועלכע גייט נישט אַרויס פון די ראַמען פון דעם קאַפּיטאַליסטישן סדר, אָבער ס'וואָלט געווען אַן אומזין צו מיינען, אַז זי דריקט נישט אויס די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט. אים לוינט בעסער, אַז די בירגערלעכע שנויים זאָלן דורכגיין נישט מיט אַ רעפאָרמיסטישן וועג, נאָר מיט אַ רעוואָלוציאָנערן, ווייל דער רעפאָרמיסטישער איז פאַרשלעפּונג און אַ שמערצלעכע אָפּשטאַרבונג פון דעם אַלטן סדר. מיר מוזן שוין אין דער בירגערלעכער רעוואָלוציע קעמפן פאַר אַזעלכע באַדינגונגען, וועלכע זאָלן צוגרייטן דעם פּראָלעטאַריאַט צו זיין צוקונפטיקן סאָציאַליסטישן זיג. דערצו מוז-מען אָבער אויסקעמפן אַ רעוואָלוציאָנער-דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום".

ביי לענינען איז אלזאָ דער פּראָלעטאַריאַט דער איינציקער פירער אַפילו פון דער בירגערלעכער רעוואָלוציע: קעגן דעם בירגערטום, אָבער בשותפות מיט דעם פּויערטום. דידאָזיקע שותפות האָט ער נאָך גאָר אַמאָל פאָרגעשטעלט זיך ווי אַ באַהערשונג פון פּויערטום. „דער פּראָלעטאַריאַט וועט אַלעמען באַפרייען און רופט אַלעמען צו זיך. וועסטו, פּויער, אָננעמען אונזער שטאַנדפּונקט, דעמאָלט וועט דיר גוט זיין, און וועסטו נישט אָננעמען — זאָלסטו שוין אויף אונז קיין פאַריבל נישט האָבן"*).

צי מענשעוויסטיש, צי באָלשעוויסטיש, אָבער דער אַרבעטער איז געווען דער איינציקער צענטר. אין 1889 האָט פּלעכאַנאָוו אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין פּאַריז דערקלערט: „די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד קען זיגן נאָר אַלס רעוו. באַוועגונג פון אַרבעטער. קיין אַנדער אויסוועג האָבן מיר נישט און קען נישט זיין".

און טאַקע דערזעלביקער פּלעכאַנאָוו האָט אויפן צוזאַמענפאָר פון די רוסישע ס. ד. אין לאָנדאָן (1907) געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָס הייסט: „העגעל זאָגט, אַז אַ פאָלק, וואָס איז אַ טרעגער פון אַ גרויסער היסטאָרישער אידעע, מעג באַטראַכטן אַלע אַנדערע פעלקער, ווי אינסטרומענטן צו פאַרווירקלעכן זיין גרויסן ציל; ער מעג זיי טרעטן מיט די פיס. מיר שטייען נישט אויפן באָדן פון אַ נאַציע, נאָר פון אַ קלאַס און מיר האַלטן אויך, אַז דער פּראָלעטאַריאַט, דער טרעגער פון דער גרויסער אידעע פון אונזער צייט, מעג טרעטן מיט די פיס אַלץ, וואָס איז אַנטקעגן

*) לענינשער זאַמלבוך № 2 מאָסקווע 1923.

לעבט און באַנוצן זיך דערבײַ מיט אַלע מיטלען". מיר זעען, אַז פּלעכאַנאָוו איז גאָרנישט ווייט פון לענינען.

3) די ס. ד. האָבן, לויט זייער פּראָגראַם, געהאַט אַ שאַרפן אויסגעשפּראָכענעם **אינטערנאַציאָנאַלן** כאַראַקטער. דער קאַפּיטאַליזם, פון וועלכן עס האָט געדאַרפט אַרויסוואַקסן זייער סאָציאַליסטישער קאַמף, איז געווען אַ אינטערנאַציאָנאַלע דערשיינונג, וואָס האָט אין אַלע לענדער געטראָגן דיזעלבע שטריכן. די רוסישע ס. ד. האָט זיך געהאַלטן נישט מער, ווי פאַר אַ נאַציאָנאַלן טייל פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַרישן קלאַס. איינהייטלעכע קלאַסן-אינטערעסן האָבן געדאַרפט באַשטימען די פּאָליטיק פון דעם רוסישן אַרבעטער-קלאַס, באַפרייענדיק אים פון דעם באַשרענקטן פּאַטערלאַנד. דער רוסישער קאַפּיטאַליזם האָט דאָך געמוזט, לויט דער טעאָריע, דורכגיין דיזעלבע אַנטוויקלונגס-ליניע, ווי דער אייראָפּעישער. ממילא איז אויך די פּאָליטיק פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט געווען נישט מער, ווי אַ באַשטאַנדטייל פון דער פּאָליטיק פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט.

4) די ס. ד. טעאָריע איז געווען דורך און דורך **מלוכהש** און דאָ איז אויך נישט געווען קיין אונטערשייד צווישן מענשעוויזם און באָלשעוויזם. סײַ דעם קאַמף פון פּ-אַט אין דער בירגערלעכער געזעלשאַפט, סײַ דעם אויפבוי פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט האָבן זיי זיך פאָרגעשטעלט נישט אַנדערש, ווי אין די פאָרמען פון אַ שטאַאַט. ס'איז אויך קיין וווּנדער נישט. זיי האָבן דאָך דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף אַרויסגעפירט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. און די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, פּונקט אַזוי ווי דיווירטשאַפט, האָט זיך דאָך קריסטאַליזירט אין צענטראַליסטישע שטאַאַטן און באַלעבאַטישקייטן. דערפאַר האָבן זייערע טעאָרעטיקער הויפּטזעכלעך גערעדט פון אַ „סאָציאַליסטישער מלוכה". דערפאַר האָבן זיי נישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר די קאַמף-פאָרמען צ. ב. פון די סינדיקאַליסטן אָדער אַנאַרכיסטן. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין 1905 האָט לענין פאַרטיידיקט די אינסטיטוציע פון אַרבעטער-סאָוויעטן, אָבער דערבײַ האָט ער נישט געוואָלט צולאָזן אַהין קיין אַנאַרכיסטן. „דער ראַט פון אַרבעטער-דעפּוטירטע — האָט ער געשריבן — איז נישט קיין אַרבעטער-פּאַרלאַמענט, נאָר אַ קאַמף-אָרגאַניזאַציע אויף אויסצוקעמפן געוויסע פּאָליטישע צוועקן. אין אַזאַ פאַרבאַנד וועלן די אַנאַרכיסטן אַרײַנטראָגן נאָר דעזאָרגאַניזאַציע, ווײַל זיי שטעלן נאָך אין ספק די וויכטיקייט פון פּאָליטישע שנויים. זייער אויסשלוס פון אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וועלכע פירט דורך אונזער דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע, איז אַבסאָלוט נויטווענדיק אין די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע".

5) די מאַרקסיסטישע טעאָריע האָט, פאַרשטייט זיך, אַרויפגעלייגט איר שטעמפּל אויך אויף די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי-בויאונג אַלס אַזעלכע. דער סאָציאַליזם וואַקסט דאָ אַרויס פון דער קלאַסן-באַוועגונג, פון יענע עקאָנאָמישע מאַסן-גרופּירונגען, וועלכע ווירקן לויט שטרענגע היסטאָרישע געזעצן. ממילא, ווערט די ס. ד. באַוועגונג אַ **מאַסנהאַפּטע**

און לאָזט נישט צו קיין גרויסן שפּיל-רוים פאַר דער פרייער אַקטיוויטעט פון דעם איינצלפּערזאָן. די איינצלנע טוער, סיי די פירער, סיי די מאַסע, פאַר-טרעטן נישט אַזוי זיך, ווי די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג. דערפון וואַקסט אַרויס די פלאַמפייערדיקע סעקטאַנטישע פאַרביסנקייט פון די ס. ד.-טוער. זעלטן ווען אַ באַוועגונג, וואָס איז אויפגעטראָטן אין נאָמען פון באַפרייאונג, האָט אויפגעזאַמלט ביי זיך, צווישן אירע טעאָרעטיקער, אַזוי פיל שנאה, פאַראַכטונג, פאַרביטערונג, ווי אין דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. אַלס ביישפּיל וועלן מיר ברענגען נישט מער, ווי צוויי קוואַליפיקאַציעס, וועלכע די ס. ד.-פירער האָבן געגעבן איינער דעם אַנדערן אין 1904. טראָצקי איז דעמאָלט אַרויסגעטראָטן קעגן לענינען מיט אַזעלכע ווערטער: „וואָס פאַר אַן אויפרעגונג כאַפּט אייך אַרום, אַז איר לייענט דידאָזיקע מיאוסע צולאָזענע-דעמאַגאָגישע שורות. באמת, מ'קען זיך נישט באַציִען מיט אַ גרעסערן ציניזם צו דעם אידעישן אייגנטום פון פּראָלעטאַריאַט, ווי דאָס טוט לענין. דער מאַרקסיזם איז פאַר אים נישט אַ ווויסנשאַפטלעכע מעטאָדע, וואָס לייגט אַרויף אַ גרויסע טעאָרעטישע אַחריות; פאַר אים איז דאָס אַ דילן-טוך, בעת ער דאַרף פאַרווישן זיינע טריט, אַ ווייסער עקראַן, בעת ער דאַרף דעמאָנ-סטרירן זיין גרויסקייט... מיט זיינע מאָראַליש-עקלהאַפטע פאַרדעכטיקונגען, מיט דער פלאַכער קאַריקאַטור פון זיין טראַגישער אומטאָלעראַנץ, איז לענין געוואָרן דער פירער פון דעם רעאַקציאָנערן פליגל פון אונזער פאַרטיי". און ריאַזאַנאָוו האָט פון זיין זייט געגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון טראָצקין: „טראָצקי איז אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר געוועזן דער גייסטיקער שטעקן אין דער מעכטיקער פויסט פון לענינען. און ס'האָבן זיך געפונען דעלעגאַטן, וואָס האָבן אַפּלאָדירט דעמדאָזיקן מישמאַש פון זינלאָזע און שרייענדיקע פראַזן, פאַרצירט מיט דעם מאָראַלישן פּאַטאָס פון אַ צבועק. ענטפערן אויף זיין נידעריקע אינסינואַציע וואָלט געהייסן אַראָפּלאָזן זיך צו דעם מאָראַלישן ניוואָ פון אַ טראָצקי". נאָר צווישן פאַנאַטישע סעקטאַנטן האָט געקענט הערשן אַזאַ מין לשון.

מיר האָבן ביז איצט געזען די געמיינזאַמע סמנים פון די מענשעווי-קעס און באָלשעוויקעס. אום אָבער גענויער צו פאַרשטיין דידאָזיקע ביידע ריכטונגען, מוז מען שטאַרק אונטערשטרייכן זייער אונטערשייד. דער חילוק איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער באָלשעוויזם איז פון זיין ערשטן אויפ-טריט אָן געוועזן אַן אויסגעשפּראָכענער פּראָגראַם פון מאַכט-דעראָבערונג, פון פ ע ר ז ע נ ל ע כ ע מאַכט-דעראָבערונג. לענין האָט אין נאָמען פון זיין פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם געשטרעבט ראשית כל צו שאַפן אַ הערשער-פּאָזיציע פאַר דער פּראָלעטאַרישער פאַרטיי, אָדער אַוואַנגאַרד, אָדער גרופּע מענטשן.

אין זיין באַקאַנטער בראָשור „אַ שריט פאָרויס, צוויי שריט אויף צוריק" (1903) האָט ער געשריבן: „מיר זענען אַ פאַרטיי פון אַ קלאַס, און דער-פאַר מוז כמעט דער גאַנצער קלאַס (און אין דער צייט פון אַ בירגער-קריג טאַקע דער גאַנצער קלאַס) ווירקן אונטער דער אָנפירונג פון אונזער פאַרטיי". ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז דעמאָלט אין 1903 האָבן די פאַרטרעטער

פון דריי באָלשעוויסטישע קאָמיטעטן דערקלערט פּאָלגנדיקעס: „מען דאַרף זאָגן נישט נאָר דעם רוסישן, נאָר אויך דעם וועלט-פּראָלעטאַריאַט, אַז ער דאַרף זיך צוגרייטן צו באַקומען אַ שטאַרקע הערשנדיקע אָרגאַניזאַציע. די צוגרייטונג פון פּראָלעטאַריאַט צו אַ דיקטאַטור איז אַזאַ וויכטיקע אָרגאַני־זאַציאָנעלע אויפגאַבע, אַז אַלע אַנדערע דאַרפן זיין איר אונטערגעוואָרפן. די צוגרייטונג דאַרף באַשטיין, אגב, אין שאַפן פון אַ שטימונג לטובת פון אַ שטאַרקער הערשנדיקער פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע". אַזוי האָט לענין פאַרשטאַנען די מאַכט אַפילו לגבי דעם פּראָלעטאַריאַט. און נישט קיין אַנדערער, ווי דווקא טראָצקי, איז דעמאָלט אַרויסגעטראָטן מיט אַ בעוואָלטיקער קריטיק קעגן דעם. ס'איז משיקאַווע היינט צו לעזן זיינע ווערטער: „די מחברים פון דעם דאָקומענט האָבן דעם מוט צו דערקלערן אָפן, אַז די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט שטעלן זיי זיך פאָר, ווי אַ דיקטאַטור איבער דעם פּראָלעטאַריאַט. נישט אַ זעלבסטעטיקער אַרבעטער-קלאַס, וואָס האָט גענומען אין זיין אייגענער האַנט זיין שיקזאַל, נאָר אַ שטאַרקע אָר־גאַניזאַציע, וועלכע באַהערשט דעם פּראָלעטאַריאַט און דורך אים די גאַנצע געזעלשאַפט, וועט גאַראַנטירן דעם איבערגאַנג צום סאָציאַליזם".

טראָצקי האָט געמעגט קריטיקירן וויפל ער וויל, אָבער לענין איז בעגאַנגען זיין וועג. אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט האָט פאַר אים באַטייט צו זיין אַ פּראָלעטאַרישער יאַקאָבינער. די פרייע באַשטימונג פון די מאַסן האָט ער געהאַלטן פאַר נויטיק צו פאַרבייטן מיט דער אַקטיוויטעט פון „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן". „גיט אונז אַן אָרגאַניזאַציע פון רעוואָלוציאָנערן — און מיר וועלן איבערקערן רוסלאַנד". דערדאָזיקער אימפּעט פון שטרעבן צו מאַכט האָט זיך אין דעם באָלשעוויזם אַנטפּלעקט שוין ביי דער ערשטער רעוואָ־לוציע 1905. מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, אַז לענין האָט פאַרלאַנגט דעמאָלט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום. אָבער פאַר אים איז דאָס געווען אַ זייער קאָנקרעטע פּאָליטישע אויפגאַבע. דער צוזאַמענפאָר פון זיינע אָנהענגער האָט דעמאָלט אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן אויסקעמפן אַ „צייטווייליקע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג". און לענין האָט אַריינגעשטעלט אַ פּונקט: „אונטער קאָנקרעטע באַשטימטע פאַרהעלטענישן איז דערלויבט, אַז פאָרטרעטער פון אונזער פּאַרטיי זאָלן נעמען אָנטייל אין דער רע־וואָלוציאָנערער רעגירונג". איז דאָס נישט מערקווירדיק? לענין האָט דאָך אויך געהאַלטן די רעוואָלוציע פאַר אַ בירגערלעך-דעמאָקראַטישע, וואָס וועט פאַרשטאַרקן דעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד, און פון דעסטוועגן האָט ער זיך געריסן נעמען אָנטייל אַפילו אין אַזאַ רעגירונג. די מענשעוויקעס האָבן טאַקע דעמאָלט גיפטיק אויסגעלאַכט זיינע פּלענער. מאַרטאָוו האָט אין דעם זשורנאַל „איסקראַ" (№ 85, 93) געשריבן: „ס'איז אומזיניק און שעדלעך צו חלומען וועגן דעם מאַנאָפּאָל פון דער רוסישער ס. ד. אויף די אָנקומענדיקע רוסישע רעוואָלוציע... יעטוועדע רעגירונג, וועלכע וועט זיך שטעלן בראש פון לאַנד אין דער איצטיקער רעוואָלוציע, וועט נישט נאָר צעשטערן דעם צאַריזם, נאָר וועט מוזן אויך ביסלעכווייז אויפבויען אַ פרייען

ב י ר ג ע ר ל ע כ ן סדר. און ס'איז קלאָר, אַז אויב די ס. ד. ווילן אַרייג-
טועטן אין אַזאַ מין רעגירונג, וועלן זיי מוזן אָפּזאָגן זיך פון קאַמף קעגן
דער בירגערלעכער געזעלשאַפט. אַהין אָדער אַהער, ווילן די ס. ד. ווערן
איינע פון די רעגירנדיקע פּאַרטייען, דאַן ווילן מיר איבערנעמען די
אחריות פאַר אַלע אינסטיטוציעס פון אַ בירגערלעכן שטאַאַט (אַרמיי, פּאָליציי,
טורמעס, ביוראָקראַטיע) און מיר ווילן קומען אין אַ קאָנפליקט מיט דעם
פּראָלעטאַריאַט, וועלכער וועט ווייטער ליידן פון אָרימקייט, אַרבעטסלאָזיקייט,
אומפרייהייט". פונדעסטוועגן האָט לענין נישט אָפּגעזאָגט זיך פון זיין שטור-
מישן שטרעבן צו מאַכט. ער האָט געטענהט, אַז אַזאַ מין צייטווייליקע רעוו.
רעגירונג האָט צוויי אויפגאַבן, ווי קאַמף קעגן דער קאָנטער-רעוואָלוציע און
פאַרווירקלעכונג פון דעם פּראָגראַם-מינימום, — און אַז דערין מוז דער פּראָ-
לעטאַריאַט זיין דער העגעמאָן (דער הויפּטפירער). — זאָל דאָס באַדייטן, אַז
דער רוס. פּראָלעטאַריאַט וועט מיט זיינע כּוחות צוגרייטן אַ בירגערלעכן
שטאַאַט און ווירטשאַפט, אום עס גאַנצערהייט איבערצוגעבן אין די הענט
פון דער רוסישער בורזשואַזיע?

אויף דערויף האָט לענין קיין קלאָרע תּשובות נישט געגעבן. ער האָט
מער נישט דערמאַנט, אַז אַ גליקלעכע בירגערלעכע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד
וועט געבן אַ שטויס דער פּראָלעטאַרישער וועלט-רעוואָלוציע.

ס'איז אַלנפאַלס קלאָר, אַז פאַר לענינען איז די הויפּטאויפגאַבע געווען
ראשית כּל אַ ר יי נ צ ו כ אַ פּ ן די פּאָליטישע מאַכט. און דאָ איז ער זיך
געווען טריי אויף אַלע געביטן. אַ צענטראַליזירטע מאַכט האָט ער געשטרעבט
צו שאַפן סיי אין זיין פּאַרטיי, סיי אין זיין פּראָלעטאַריאַט, סיי אין רוס-
לאַנד און סיי אַמאָל אין אינטערנאַציאָנאַל.

ווילן מיר איצט פאָרמולירן דעם אינערלעכן חילוק צווישן באָלשע-
וויזם אין מענשעוויזם, מוזן מיר אָנקומען צו אַזעלכע צוויי ווייטליגנדיקע
באַגריפן, ווי מ אַ כ ט און ק ו ל ט ו ר. פאַר דעם אָרטאָדאָקסאַלן מענשעוויזם
איז דער תּוך פון דער נייער רוסישער עפּאָכע באַשטאַנען אין דעם, וואָס
דער אונטערדריקטער קלאַס פון אַרבעטער, אַ גרויסע נייע מחנה פון מענטשן
ווערט אַריינגעצויגן אין אַ נייעם אַרט לעבן. דער מענשעוויזם איז געווען
איבערצייגט, אַז די רוסישע רעוואָלוציע וועט מאַכן צום הערשנדיקן פאַקטאָר
די בורזשואַזיע. אָבער די אַרבעטער ווילן זיך דערהויבן פּאָליטיש און
ווירטשאַפטלעך און ווילן נעמען אַן אָנטייל אין דער קולטור-טראַדיציע פון
לאַנד. אין דעמדאָזיקן זין האָט דער מענשעוויזם געטראָגן אין זיך נישט
דעם פּאַטאָס צו אַ סאָציאַלן איבערקער, נאָר צו אַ רעכטלעכער און קולטו-
רעלער דערהויבונג פון דעם פּראָלעטאַריער. ער איז געווען סאָציאַל-פּילאַנ-
טראָפּיש. אין פאַרגלייך מיט דעם האָט זיך דער פּאַטאָס פון באָלשעוויזם
אַנטפּלעקט גאָר אין אַן אַנדער געביט.

די גאַנצע מאַרקסיסטישע טעאָריע מיט איר היסטאָרישער נויטוועגדי־קייט, מיט דער משיח־ראָל פון דעם פּראָלעטאַריאַט איז פאַר דעם באָלשעויזם געווען אַ פונדאַמענט פאַר זיין אומאויפהערלעכן קאַמף פאַר מאַכט. די מאַכט פאַר די אונטערדריקטע האָט זיך דאָ אויסגעמישט מיט דער מאַכט פאַר זיך, פאַר דער אייגענער פּאַרטיי. דערדאָזיקער אימפּעט האָט געשאַרפט די כוחות פון באָלשעוויזם און האָט צוגעגרייט זיין היסטאָרישע ראָל.

## IV

די פּאַרטיי פון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָט זיך געבויט אַן אַנ־דער סאָציאַליסטישן וועלט־בילד. דאָס איז געקומען ראשית כל דערפאַר, ווייל די ס. ר. האָבן געצויגן ווייטער דעם פאָדים פון די אַלטע רוסישע נאַ־ראָדניקעס. דערפאַר האָבן זיי געהאַט אַ מער אויפמערקזאַם אויג פאַר דער אייגנאַרטיקער ווירקלעכקייט פון רוסלאַנד. צווייטנס האָבן די ס. ר. בכלל געבויט זייער פּראָגראַם אויף דער מאַרקסיסטישער קאַוזאַלער טעאָריע. אויב מיר נעמען דעם אָפיציעלן פּראָגראַם פון די רוסישע ס. ד. (1903) לייענען מיר דאָרטן: „די רוסישע ס. ד. אַרבעטער־פּאַרטיי שטעלט זיך דעמזעלבן ענדציל, צו וועלכן עס שטרעבן די ס. ד. פון אַלע לענדער. דערדאָזיקער ענדציל ווערט באַשטימט דורך דעם כאַראַקטער פון דער היינטיקער געזעל־שאַפט און דורך דעם גאַנג פון איר אַנטוויקלונג“. דעם זין פון דערדאָזיקער טעאָריע האָט פּלעכאַנאָוו אויפגעקלערט מיט 20 יאָר צוריק: „דאָס געוווּנטשענע וואַקסט אַרויס פאַר אונז פון דעם נויטווענדיקן. די פרייהייט פון דער פּערזענלעכקייט באַשטייט פאַר אונז אין דער קענט־שאַפט פון די געזעצן פון דער געשיכטע און אין דער פרייהייט צו אונטערגעבן זיך דידאָזיקע געזעצן“.

די ס. ר. טעאָריע האָט דערדאָזיקער הכנעה־טענדענץ לגבי דער גע־שיכטע אַנטקעגנגעשטעלט אין אַ גרויסער מאָס די פרייהייט פון דער פּער־זענלעכקייט. ס'איז גענוג צו ברענגען נאָר איין דאָקומענט פון יענער צייט, כדי אַרויסצווייזן דעם טיפן אינערלעכן חילוק. די „רעוואָלוציאָנאַיאַ ראָסיאַ“ (צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי) האָט געשריבן אין יאָר 1903: „בעת דער שטאָטישער אַרבעטער, געטריבן דורך אַן אומבאַקאַנטן אינסטינקט, גייט איצט אַרויס אויף דער גאַס און שטעלט אונטער זיין ברוסט קעגן דער קויל, דאַן רעדט דען אין אים דעמאָלט מער נישט, ווי דער דורשט נאָך אַ קאָפּיקע אָדער נאָך פּאָליטישער פרייהייט? בעת דער הונגעריקער פּויער הויבט זיך

אויף קענן זיין פריץ, און נעמט ביי אים אָפּ ברויט און ערד, צי וויל ער דען דעמאָלט זיין מער נישט, ווי זאַט? ניין, אין אַלע סטיכישע פאָלקס-באַוועגונגען אַנטפּלעקט זיך **דער גרויסער הונגער נאָך אמת, גערעכטיקייט, ברידערלעכקייט.** אונטער דעם דרוק פון אומדערטרעגלעכע ליידן צינדט זיך אָן די נשמה פון אַרבעטס-מענטשן מיט אַ שרעקלעכן האַס צו דעם גאַנצן בייז, צו דעם גאַנצן שקר און געוואַלט פון דעם היינטיקן סדר. די ליידן האָבן נישט נאָר אויסגעמאַטערט זיין קערפּער, זיי האָבן נאָך פאַרפּייניקט זיין נשמה. בעת דער אַרבעטער-מענטש גייט אַרויס אויפן גאַס און שרייט: זאָל לעבן די פרייהייט! — איז דאָס נישט דאָס געשריי פון הונגעריקן מאָגן, דאָס איז דער אויפשטאַנד פון מענטשן פאַר אמת, ליבע און ברידערלעכקייט". אין דידאָזיקע ווערטער ליגט אייגנטלעך די גאַנצע סאָציאַלע פילאָזאָפיע פון די ס. ר. נישט די סטיכישע מאַסן-קאָלעקטיוון אַלס אַזעלכע טרייבן די געשיכטע און נישט נאָר זייערע מאַטעריעל-עקאָנאָמישע אינטערעסן אַליין. אין דידאָזיקע מאַסן האַנדלט אַקטיוו דער קאָנקרעטער איינצל-מענטש, דער קאָנקרעטער אַרבעטער, פויער, אינטעליגענט. דער דאָזיקער מענטש ווערט נישט נאָר געיאָגט דורך אַ מבֿאַוווסטע אָדער אַפילו אָרגאַניזירטע טריבן, נאָר הויפּטזעכלעך דורך די אידעען און אידעאַלן, וועלכע ער שטעלט פאַר זיך אויף. די פּערזענלעכקייט אין דעם אַרבעטנדיקן מענטשן איז אונטערדריקט און די פּערזענלעכקייט שטרעבט צו אַ שעפערישער אַנטוויקלונג. זי טרעט אַריין אין סאָציאַליסטישן קאַמף, ווייל זי דערקענט דעם בזיון פון איר אונטערדריקונג און די גרויס פון אירע אידעאַלן. אַן עטישער ווילן צום איבערבויען פון לעבן ליגט אין יסוד פון אַ סאָציאַליסט. נאָר ווען ער האָט פּערזענלעך און נישט מאַנהאַפט איבערגענומען אויף זיך די אחריות פאַר זיין קאַמף און די קאַמף-צילן ווערט ער אַ רעוואָלוציאָנער. דערפאַר קען ער נישט זיין קיין עבד נכנע צו דער אָדער יענער „היסטאָריש-נויטווענדיקער סכעמע פון דער געשיכטע".

די ס. ר. האָבן אַלזאָ פאַרלאַנגט פון דעם סאָציאַליסט אַן אַקטיווע באַוווסטזיניקייט. דאָס איז אָבער נישט געווען יענע מענשעוויסטישע באַוווסטזיניקייט, וועלכע האָט געפּרעדיקט אייגנטלעך נאָר די צופּאַסונג צו אַ סטיכישער אַנטוויקלונג, וועלכע האָט געקענט זאָגן, אַז פרייהייט איז די דערקענטע און אָנגענומענע נויטווענדיקייט. און דאָס איז אויך נישט געווען יענע באָלשעוויסטישע באַוווסטזיניקייט, וועלכע האָט אין תוך געשאַפן דעם גרויסן חילוק צווישן דער סטיכישער מאַסע און די באַוווסטזיניקע פירער. לענין האָט געשריבן (אין דער בראָשור: „וואָס איז צו טאָן?" אין 1902): „אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוווסטזיין האָט ביי דעם אַרבעטער נישט געקענט זיין; עס האָט געמוזט אַריינגעטראָגן ווערן צו אים פון דרויסן, פון דער אינטעליגענץ". דערמיט האָט ער געוואָלט שאַפן דעם באָדן פאַר דער הערשאַפט פון דער פירער-שיכט. די ס. ר.-שע טעאָריע האָט אָבער פאַרלאַנגט „קריטיש דענקנדיקע פּערזענלעכקייטן" און מאָראַליש באַוווסטזיין **פאַר יעדן איינצלנעם** אין דער גרויסער אַרבעטער-מחנה, נישט

נאָר פאַר וועלכע נישט איז אויבערשיכט אַליין. דאָס איז געווען דאָס פּרינ־ציפּיעל־ווייכטיקע אין דער ס. ר.־שער שיטה.

דידאַזיקע שיטה האָט אַרויסגעבראַכט אַ ריי נייע מאָמענטן. צוזאַמען מיט דעם פּראָלעטאַריאַט האָט זי דערקענט די גרויסע סאָציאַלע און סאָציאַ־ליסטישע ראָל פון דער האַרעפּאַשנעם פויערטום אין רוסלאַנד. זי האָט אָנגעוויזן וויפל סתירות און אַנטי־רעוואָלוציאָנערע נטיות עס שטעקט אין פּראָלעטאַר־יאַט גופא. וויל מען טאַקע באמת אַ רוק טאָן רוסלאַנד אויפן סאָציאַליסטישן וועג, טאָ קען מען נישט אויסקומען מיט דעם פּראָלעטאַרישן בן יחיד אַליין; מען מוז פאַרוואָרצלען דעם סאָציאַליזם אין דער גרויסער פויערשער מערהייט פון רוסישן פאָלק. „יאָ, האָבן זיי געשריבן אין 1903, מיר פאַרייניקן אין איין פּאַרטיי אַלע אַרבעטנדיקע און עקספּלאָאַטירטע, אָבער נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זיי נעמען אַריין אין זיך סאָציאַליסטישעס באַוווסטזיין, אויף וויפל זיי שטעלן זיך אויפן באָדן פון די אַלגעמיינע אַרבעטס־אינטערעסן און נישט פון קאָנקרעטע אינטערעסן פון דעם אָדער יענעם באַזונדערן שיכט פון אַרבעטס־פאָלק. מיר האָבן אידעאַלן, אָבער מיר האָבן נישט קיין געצן. אויך דער פּראָלעטאַריאַט איז נישט קיין געץ, און אים צוליב וועלן מיר נישט מקריב זיין די אינטערעסן פון אַנדערע אַרבעטס־קלאַסן”.

ס׳איז געווען נאָך עפּעס ווייכטיקעס אין דעם, וואָס דער פויער איז אַריין אַלס אַן עלעמענט פון אַ סאָציאַליסטישן פּראָגראַם. דער רוסישער פויער האָט נאָך געלעבט אין דער אָבשטשינאַ, ד. ה. אין יענער ערדגע־מיינשאַפט, וועלכע האָט אַרויסגעלייגט ערנסטע קאָלעקטיוויסטישע שטריכן אויף זיין באַלעבאַטישקייט און לעבן. ביי דעם פויער איז דאָ נאָענטקייט צו דער נאַטור; דער פויער אַרבעט אויס ביי זיך דעם גאַנצן פּראָדוקט, נישט ווי דער אַרבעטער, וועלכער איז אָפט אַ שקלאַף צו אַ שטיקל פּראָ־דוקט. ביי דעם פויער איז נישטאָ די געשליפנקייט אין דינאַמישקייט פון שטאָטאַרבעטער, דערפאַר איז ער נאָך פריי פון דער מאַשינעלער און שטאַ־טישער דיסציפּלין, וועלכע דערשטיקט אין פּראָלעטאַריער אָפטמאָל זיין איי־גענעם איך. דערפאַר איז דער אַריינקום פון פויער אין סאָציאַליסטישן לאַ־גער נישט נאָר אַ חסד פאַר אים, נאָר אַ טובה פאַר אַלעמען.

דאָס ס. ר.־שע פּראָגראַם איז דעריבער נישט געווען געבונדן הויפּט־זעכלעך אָן דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד. עס האָט אַרויס־געשטעלט ראשית כל דעם פּונקט וועגן סאָציאַליזירן די ערד און ס׳איז געווען קלאָר, אַז אַזאַ מין פאָדערונג, וועלכע נעמט אַרויס דעם ווייכטיקסטן פּראָדוציר־מיטל פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פאַרקער און וועלכע שאַפט אָפּ דאָ דאָס פּריוואַט־אייגנטום, וועט פאַקטיש שטערן אויך די אַזוי־גערופענע נאָרמאַלע קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג אין דער אינדוסטריע.

ס׳איז אויך פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די ס. ר.־טעאָריע האָט אָפּגע־געבן אַזאַ חשובן אָרט אין דער סאָציאַליסטישער אַנטוויקלונג דער אינטעליגענץ. אמת, די אינטעליגענטן זענען מייסטנס געקומען

צו דער באַוועגונג פון אַרבעטער-קלאַס נישט לויט זייערע אייגענע קלאַסן-אינטערעסן, נאָר אונטערן דרוק פון זייער גייסטיקער נויט און מאָראַלישן געוויסן. דאָס האָט אָבער נישט געקענט זיין קיין סתירה, ווייל לויט די ס. ר., האָט אויך דער פּראָלעטאַריער און דער פּויער געקענט ווערן אַ סאָציאַליסט נאָר דעמאָלט, ווען זיין סטיכישער קלאַסן-אינטערעס האָט זיך אויסגעבונדן מיט זיין עטישן אידעאַל. אין דעמדראָזיקן זין האָט שוין אין יעדן האָרעפּאַשניק געשטעקט אַ שטיק אינטעליגענט. — און ס'איז געווען אַ באַזונדער קאַמף-געביט, אין וועלכן עס האָט זיך געקענט גאָר בולט אַרויסשטעלן דידאָזיקע אַקטיוו-אידעאַליסטישע נאַטור פון דעם סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער. דאָס איז געווען דאָס געביט פון ט ע ר אָ ר, ווו די מאָראַלישע אתויות פון דעם קעמפער האָט דערגרייכט אפשר איר העכסטן שטאַפּל. ס'איז דאָך קיין וווּנדער נישט, פאַרוואָס דער דעמאָלטיקער טעראָר האָט צונויפגעזאַמלט אַרום זיך די איידלסטע געשטאַלטן פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

און ס'איז געווען נאָך אַ פּונקט, אין וועלכן די ס. ר.-שע טעאָריע איז געגאַנגען איר אייגענעם וועג. דאָס איז געווען דער פּרינציפּ פון פעדעראַציע פאַר די נאַציאָנען, און פאַר דעם מלוכה-אויפבוי. דאָס סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּראָגראַם האָט געשטרעבט צו אַ מעכטיקן רוסישן שטאַט און צו אַן איינהייטלעכער אימפּעריע. אין דעם פאַרשטיינערטן קאַפּיטאַליזם; האָט עס ממילא געשטרעבט אויך צו אַ צענטראַליזירטע ווירטקלאַסן-פּראָגראַם איז אויך נישט געווען קיין פאַרשטענדעניש פאַר יענע באַזונדערע גייסטיקע כּחות אין די האָרעפּאַשנע קלאַסן, וועלכע רופן זיך אין „נאַציאָנאַלע כּחות". די ס. ר.-ישע טעאָריע האָט געקענט פּראָקלאַמירן דעם פעדעראַציע-פּרינציפּ, ווייל פעדעראַציע בנוגע קאָלעקטיוון איז געגאַנגען אין דער זעלביקער ליניע, ווי די פרייהייט פון דער פּערזענלעכקייט. — אַזוי האָט זיך אַלץ מער און מער אויסגעבילדעט דאָס אייגנאַרטיקע פּראָגראַם פון ס. ר. ס'פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פּראָגראַם האָט נישט געקענט זיין געבויט אויף דער אידעע פון אַ נאָר בירגערלעכער רעוואָלוציע. און זייער צענטראַל-אָרגאַן האָט טאַקע דעמאָלט געשריבן: „וואָס עס זאָל נישט געשען וועלן מיר שטרעבן דערצו, אַז דער איבערקער אין רוסלאַנד זאָל זיך ניט באַגרעניצן מיט ריין-רעכטלעכע און פּאָליטישע שינויים, נאָר אַז ער זאָל אַרויסרופן טיפע ענדערונגען אין דעם סאָציאַלן געבוי. דאָס ווערט, פאַרשטייט זיך, נישט זיין קיין סאָציאַליזם, דאָס וועט אָבער זיין דער ערשטער דורכברוך צו אים. מיר דאַרפן שטרעבן, אַז די רוסישע רעוואָלוציע זאָל אויפרודערן מערב-אייראָפּע, זי זאָל זיין אַ סיגנאַל צו דער אייראָפּעישער אַרבעטער-רעוואָלוציע. אָבער ווען אפילו דאָס זאָל נישט געשען, וואָלטן מיר וועלן, אַז די רוסישע רעוואָלוציע זאָל זיך אַנטוויקלען אַלץ ווייטער און ווייטער, זי זאָל אַריינוואַרפן די פאָלקס-מאַסן אין קאַמף פאַר די ג אַ נ צ ע ערד, פאַר די ג אַ נ צ ע פרייהייט, פאַרן ג אַ נ צ ן ס אָ צ י אַ ל י ז ם... די אויפגאַבע פון די ס. ר. איז — ברייט פאַנאַנדערצוּוויקלען זייער רויטע פאָן

און נישט שטענדיק איבערחזרן, אַז די קומענדיקע רעוואָלוציע איז אַ ביר-גערלעכע, אַ בירגערלעכע און אַ בירגערלעכע".

מיר זעען, אַז דאָס ס. ר.-פּראָגראַם איז דעמאָלט געווען סיי ראַדיקאַל, סיי אינטערנאַציאָנאַל. ס'איז אָבער וויכטיק צו אונטערשטרייכן שוין דאָ, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דאָסדאָזיקע פּראָגראַם געפונען ערנסטע קריטיקער מצד זיינע ראַדיקאַלערע עלעמענטן, די „מאַקסימאַליסטן". זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז די פּאַרטיי ס. ר. פּאַרבינדט צו שטאַרק אירע פּלענער מיטן שטאַאַט און פּאַרלאַמענט, אַז זי באַשניידט קינסטלעך איר פּראָגראַם מיט דער סאָציאַליזאַציע פון ערד. די מאַקסימאַליסטן האָבן אַרויסגעשטעלט דעם בייעם פּ נקט פון סאָציאַליזירן די פּאַבריקן און פון קאָנצענטרירן די פּאָלי-טישע מאַכט אין די אַרבעטער-סאָוויעטן. — ווי עס זאָל אָבער נישט זיין, איז דאָס ס. ר.-פּראָגראַם אין יענער צייט געווען אייגנאַרטיק און ראַדיקאַל בענוג. דער איינפלוס זייבער אין לאַנד האָט זיך דעמאָלט זייער געשטאַרקט. מיר וועלן דאָ ברענגען צו דער כאַראַקטעריסטיק די עדות פון אַ רוסישן מענ-שעוויק יעגאָראָוו. אין דעם באַקאַנטן זאַמלבוך „געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען אין רוסלאַנד אין אָנהויב 20-טן יאָרהונדערט" (אַרויסגעגעבן פון מאַרטאָוון) האָט יעגאָראָוו געשילדערט דעם איינפלוס פון די ס. ר.-שע אידעען, פון די אידעען פון טעראָר און באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציעס, פון דער פּויערשער אַגראַר-רעוואָלוציע. „די פּראָפּאַגאַנדע פון די ס. ר. האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אפילו אויף יענע שיכטן פון דער אינטעליגענץ, וועלכע זענען געגאַנגען אונטערן פאָן פון ס. ד. דאָס שטייט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס אַ טייל פון ס. ד. האָבן זיך אַנטוויקלט צו דער באָלשעוויסטישער טאַקטיק... די סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן באַטראַכט די טעטיקייט פון די ס. ר. ווי אַזאַ, וועלכע דעזאָרגאַניזירט די אַרבעטער-באַוועגונג און שפּילט דיזעלבע ראָל, ווי די אַנאַרכיסטן אין מערב-אייראָפּע".

V

אַלט פּערטע אידעישע קראַפט איז אין יענער צייט אַרויסגעטרעטן דער אַ נ אַ ר כ י ז ם. מיר וועלן זיך דאָ ווייניקער אָפּשטעלן אויף דער כאַ-ראַקטעריסטיק פון זיין אינהאַלט. ערשטנס דערפאַר, ווייל די לעזער פון דער „פרייער אַרבעטער שטימע" זענען אַליין גוט באַקאַנט מיט די פאַרשיידענע ריכטונגען אין דעם אַנאַרכיסטישן אידעען-סיסטעם. צווייטנס, טאַקע דערפאַר ווייל מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַזוי פיל ריכטונגען, אַז די באַהאַנדלונג פון זיי פּאָדערט אַ באַזונדער אַרבעט. האָט דאָך דעמאָלט נישט קיין קלענערער ווי זשאַן גראַוו (אין „אָבשטאַרבנדיקע געזעלשאַפט און אַנאַרכיע") געשריבן: „דאָס וואָס עס קומט פאָר איצט אין אונזערע רייען קען אָפטמאָלס אַרויס-רופן ביי מענטשן אַ ספק, צי איז גאָר מעגלעך צו שאַפן אַ פאַרשטענדיקונג

אין דעם כאַאָס פון אידעען, וועלכע קעמפן אונטער דעם נאָמען פון אַנאַרכיזם היינט צו טאָג קעגן דעם בירגערלעכן סדר... אין דעם אייגענעם אוצר פון אידעען געפינען נישט די אַנאַרכיסטן אַזאַ מין כח, וועלכער זאָל זיין פעיק צו פאַרייניקן זיי לגבי דער רעוואָלוציע".

מיר מוזן זיך אָפּשטעלן אויף איין שיטה פון אַנאַרכיזם, וועלכע האָט אויך פּאַקטיש געשפּילט אַ גרעסערע ראָל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון רוסלאַנד: אויף די אַנאַרכיסטן-קאָמוניסטן.

זייער טעאָריע האָט געהאַט אַ גרויסן באַרירונג-פּונקט מיט די ס. ר. שוין דערמיט אַליין, וואָס זיי האָבן אויך אָפּגעוואָרפן די מאַרקסיסטישע לערע מיט אַלע אירע אויספירן וועגן פּראָל. און קאַפּיט. אַנטוויקלונג. די אַנאַרכיסטן האָבן געזען דעם שעפערישן פּאַקטאָר פון דער געשיכטע נישט אין דער בלינדער היסטאָרישער געזעצמעסיקייט, נאָר דוקא אין דעם אַקטיוון ווילן און באַוווסטזיין פון דעם קעמפענדיקן מענטשן. זיי האָבן דערפאַר אַרויסגערוקט אין צענטר פון זייער וועלטאָנשויאונג די פרייהייט, די אומבאַגרעניצטע פרייהייט פון דער פּערזענלעכקייט. פון דער גרויסער צאָל פון אַנאַרכיסטישע פאָרמעלן וועלן מיר דאָ ברענגען נאָר אַ פּאָר. זשאַן גראַוו האָט די אידעע פון אַנאַרכיזם אַזוי פאָרמולירט: „שטרעבן צו פאַרניכטונג פון פּריוואַט-אייגנטום און מלוכה-מאַכט, צו דער פולער און אומבאַדינגטער אומאָפּהענגיקייט פון דער פּערזענלעכקייט. אין דערויף ליגט דער געמיינזאַמער יסוד פון די אָנזיכטן פון אַלע אַנאַרכיסטן". רעקליו האָט באַשטימט די פּערזענלעכע פרייהייט, ווי „קיין שום געזעצן און נאָרמען פון לעבנס-אויפפירונג, אויסער מיין אייגענעם ווונטש און גוטן ווילן". קראַפּאָטקין („קאָמוניזם און אַנאַרכיע") האָט געזען אין דער פרייהייט „די מעגלעכקייט צו האַנדלען אָן מורא צו האָבן פאַר דער געזעלשאַפטלעכער שטראָף".

אַזאַ שאַרפע אַרויסקריסטאַליזירונג פון דעם פּערזענלעכקייט-אידעאַל האָט, פאַרשטייט זיך, געשאַפן אויך אַן אייגנאַרטיקן סאָציאַלן פּראָגראַם פון די אַנאַרכיסטן. זיי האָבן געשטרעבט נישט נאָר צו פאַרניכטן דעם פּריוואַט-קאַפּיטאַליסטישן סדר (ווי דאָס האָבן אַרויסגעשטעלט אַלע סאָציאַליסטן), נאָר אויך די שטאַטלעכע פאָרם פון אַ נייעם סאָציאַלן סדר. זיי האָבן מיט אַ גרויסער גרינדלעכקייט און טיפן סאָציאַלן פאַרשטאַנד קריטיקירט די סאָציאַליסטישע פּראָגראַמען פון אַלע פּאַרטייען, וועלכע האָבן נישט געקענט אָפּזאָגן זיך פון די פאָרשטעלונגען פון אַ צוקונפטיקן „גוטן" שטאַט. אין דערויף האָבן זיי זיך שאַרף אָפּגעגרעניצט אויך פון די ס. ר., וועלכע האָבן געזוכט צו געפינען האַרמאָנישע פאָרמען פאַר דעם צוזאַמענזיין פון דער פּערזענלעכקייט מיט דעם נייעם שטאַאַט. אין דער פראַגע וואָלט מען אפשר געקענט אויפשטעלן אַ טאַבעלע, וועלכע באַווייזט די פאַרשיידענע באַציאונגען צו דעם פּראָבלעם פון די פאַרשיידענע אידעען-ריכטונגען אין יענער צייט.

ביי די ס.-ד.: (ביידע ריכטונגען) שטייט איבער דער פּער-זענלעכקייט דער שטאַט און דער קלאַס.

ביי די ס. ר.: מוז געזוכט ווערן אַ פּאַראַלעל-צוזאַמענווירקן פון פּערזענלעכקייט און שטאַט.

ביי די אַנאַרכיסטן: מוז זיך אויסווירקן די פּערזענלעכקייט אַליין אָן דעם שטאַט.

דער פּאַטאָס פון דעם אַנאַרכיסטישן קאַמף קעגן מלוכה און מלוכהשקייט איז געווען קלאָר. אָבער אַן אומקלאָרקייט האָט געהערשט אין די פּאָזיטיווע פאָרשטעלונגען פון אַן אַנאַרכיסטישן סאָציאַלן סדר אָפּצושאַפן דעם שטאַט אין אַלע זיינע פאָרמען? ווי וועט אויסזען דעמאָלט די נייע געזעלשאַפט? אויף דערויף האָט, למשל, געענטפערט אין יענער צייט דער № 1 פון דער אַנאַרכיסטישער צייטשריפט „כלעב אי וואָליאַ": „מען דאַרף מחיה מתים זיין נאָווגאָראָד און פּסקאָוו, נאָר אַזוי, אַז יעדער דאָרף-געגנט, אָדער פּראָווינץ זאָל פאָרשטעלן מיט זיך אַ נאָווגאָראָד און פּסקאָוו און דערביי זאָלן זיי אַנטשפּרעכן דעם גייסט פון XX יאָרהונדערט". נאָווגאָראָד און פּסקאָוו זענען געווען אַמאָל פרייע דעמאָקראַטישע פאָלקס-געמיינדעס אין רוסלאַנד. אָבער זיי זענען אויך געווען מלוכה-געזעלשאַפטן, זיי האָבן אויך פאַרמאָגט אַ שטאַטלעכן צוואַנג לגבי די בירגער. אמת, זיי זענען נישט געווען אַריינגעכאַפּט אין אַ צענטראַליסטיש-גרויסן שטאַט, אָבער דער תוך פון געזעלשאַפטלעכן צוואַנג און ממשלה בלייבט אויך אין אַ קליינער געמיינשאַפט. דער אַנאַרכיזם האָט געשטרעבט אָפּצושאַפן יעטוועדע מלוכהשע מאַכט אין דער צוקונפטיקער קאָמונע. אָבער מאַכט אַלס אַזעלכע, אונטער אַן אַנדער נאָמען, וועט דאָך בלייבן!

דער אַנאַרכיזם האָט אָבער דעמאָלט נישט געקענט געבן קלאָרע תשובות אויף אַזעלכע פראַגן. ער האָט בכלל ווייניקער געלייגט אַכט אויף אויסאַרבעטן גענויע פּאָזיטיווע פּראָגראַמען. אין דעם האָט ער געזען אַ לכתחילהדיקע פאַרשמעלערונג פון דער צוקונפטיקער סטיכישער שאַפונגס-קראַפט פון די מאַסן גופא. דורך אייגענע פלענער האָט ער נישט געוואָלט פאַרצוימען זייער וועג. געוויס זענען ביי די אַנאַרכיסטן געווען אַ ריי פּונקטן, אין וועלכע ס'האָט זיך אויסגעדריקט אויך אַ פּאָזיטיווער פּראָגראַם. זיי האָבן נישט באַגרעניצט זייער פּראָפּאַגאַנדע ביי די אַרבעטער אַליין; זיי האָבן זיך געווענדעט פּונקט אַזוי צו די פּויערים. קראָפּאָטקין האָט דעמאָלט געשריבן אין פאָרוואָרט צו זיין בוך „כלעב אי וואָליאַ": „איך צווייפל נישט דערין, אַז קיינע שריט פאָרויס אין דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד וועלן נישט געמאַכט ווערן, ביז מען וועט נישט אָנהויבן אין איינצלנע געגנטן (מיט דער איניציאַטיוו פון די שטעט) ראשית כל סאָציאַליזירן די ערד און צום טייל די פאַבריקן, ביז מען

װעט נישט אָנהויבן אָרגאניזירן די לאנדווירטשאפט און אפשר אויך די פאבריק-פראָדוקציע אויף קאָלעקטיווע יסודות״. אין אזעלכע פלענער זעען מיר א גרויסע דערנענטערונג צו דעם פראָגראם פון די ס. ר. — אָבער דער אינערלעכער אינפעט פון דער אנארכיסטישער אקציע איז געלעגן נישט אין אזעלכע פלענער. ער איז געלעגן אין דער רעוואָלוציאָנערער צעשטערונג-ארבעט, אין דער אייגנארטיקער טאקטיק, וועלכע האָט ארויסגעבראכט א ים מיט רעוואָלוציאָנערן העראָאיזם. זייער פראָגראם (וועלכעס האָט נישט צוגעלאָזן קיין שום מינימום) האָט אנטהאלטן אין תוך איין פרינציפ מיט דער דאָפּלטיקער פאָרמולירונג: קעגן שטאט — פאר דער פערזענלעכקייט!

דאָ קען מען אפשר מיט א פאָר ווערטער אונטערשטרייכן, אין וואָס ס'איז געלעגן דער חלוק צווישן די ס. ר. און אנארכיסטן, כאָטש די ביידע ריכטונגען האָבן ארויסגעשטעלט אויף זייער פאָן די פערזענלעכקייט פון מענטשן. דער פאטאָס פון אנארכיזם איז געלעגן מער אין דער פרייהייט פון דעם מענטשן, דער ס. ר. פאטאָס — מער אין דער אנטוויקלונג, אין דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג פון מענטשן. — דער פייער פון פרייהייט-באגריף האָט אין א געוויסן מאָס. אָפּגעטריבן דעם מענטשן פון דער געזעלשאפט און אירע בינדונגען. דער פייער פון גייסטיקער און מאָראלישער אנטוויקלונג האָט פארקערט געטריבן און צונויפגעפלאָכטן דעם מענטשן מיט דער געזעלשאפט. פאר דעם אנארכיסט איז אויפן ערשטן אָרט געשטאנען דאָס פראָבלעם פון „איך״, און די נייע געזעלשאפט האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, ווי איך + איך + איך... פאר דעם ס. ר. איז געשטאנען דאָס עטישע פראָבלעם פון „איך״ און „דו״, און א נייע געזעלשאפט האָט זיך אים געמאָלט, ווי איך + דו × דו...

## VI

אָט אזוי זענען צו די גרויסע געשעענישן פון דער רוסישער געשיכטע צוגעטראָטן — אין די יאָרן 1905 און שפעטער 1917 — די פיר אידעישע מחנות. די צוויי מארקסיסטיש-פראָלעטארישע, און די צוויי רעוואָלוציאָנער-סאָציאליסטישע. יעדע פון זיי האָט געהאט א קאָמפּליצירטן געבוי, אָבער יעדע פון זיי האָט אויך געהאט א הויפּטשטריך, וואָס האָט ארויפגעלייגט אן אייגענעם שטעמפּל אויף זייער געזיכט. ביי די מענשעוויקעס איז דער גרונד-טאָן פון זייער ארבעט געווען די קולטורעלע דערהייבונג פון די פראָלעטארישע מאסן, א קולטור-טרעגעריי, וועלכע איז געווען גרייט אויך צו סאָציאלער צופאסונג. ביי די באָלשעוויקעס איז דער פאטאָס געלעגן אין אויסקעמפונג פון מאכט פאר זיך אלס פארטרעטער פון קלאס און געשיכטע. ביי די ס. ר. — איז דאָס א שטרעבן צו א ברי-

דערלעכער געזעלשאַפט אויפן יסוד פון דער באַפרייטער פערזענלעכקייט. ביי די אַנאַרכיסטן — איז עס אַ שטרעבן צו דער פרייער פערזענלעכקייט אויפן הינטערגרונד פון דער געזעלשאַפט.

און איצט שטעלט זיך פאַר אונז די אויפגאַבע נאָכצופאָרשן, ווי האָבן די אַלע פיר באַוועגונגען אויסגעהאַלטן דעם נסיון פון די היסטאָרישע געשעענישן. די ערשטע צוויי גרויסע געשעענישן זענען געווען די רוסיש-יאַפּאַנישע מלחמה אין יאָר 1904, און די רעוואָלוציע 1905–07. אָבער לגבי די דאָזיקע ביידע גרויסע פּאַסירונגען זענען אַלע רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען געבליבן שטאַרק און אומבויגזאַם. זיי אַלע גלייך האָבן אָנגענומען אַן אַנטי-פּאַטריאָטישע פּאָזיציע אין דעם יאַפּאַנישן קריג. ממילא איז דאָס פּראָבלעם פון פאָטערלאַנד דעמאָלט אפילו נישט אויפגעשוואומען. און אין דער רעוואָ-לוציע 1905 האָבן זיי אייגנטלעך אַלע געהאַט איין אויפגאַבע: פאַרניכטונג פון דעם צאַריזם. און כאָטש יעדע פון די ריכטונגען האָט געהאַט דער-ביי אַנדערע ווייטערע פּלענער, אָבער לכתחילה האָבן זיי אַלע געשטרעבט דורכצופירן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן צאַריזם. די אויפגאַבע איז נישט געלונגען. און די אַלע פיר אידעישע מחנות האָבן געמוזט אָפּטרעטן. אין גרויסן און גאַנצן זענען ממילא זייערע פּאָזיציעס געבליבן אויך אויף להבא דיזעלביקע.

דער ערשטער עכטער נסיון איז געקומען אין יאָר 1914, בעת דער וועלט-מלחמה. דאָ האָט זיך כיטאַמאָל אַ טרייסל געטאָן איינער פון יענע זיילן, אויף וועלכע ס'האָבן זיך געהאַלטן די אידעאָלאָגיעס: דער זייל פון אינטערנאַציאָנאַליזם (און אַנטי-פּאַטערלאַנד). מיר האָבן אויבן געזען, ווי ענג דער דאָזיקער פּרינציפּ איז ביי די ס.-ד. געווען פאַרבונדן מיט זייער לערע. אָבער דיזעלביקע לערע האָט זיך געלאָזט אויסנוצן אויך פאַר דעם קעגנגעזעצטן צוועק. פון די סך ביישפּילן, וועלן מיר דאָ ברענגען נאָר איינעם, אָבער פון דעם פאָטער פון דער ס.-ד.: פון פּלעכאַנאָוו. ער האָט אין יאָר 1914 אַרויסגעלאָזן אַ בראָשור „וועגן דער מלחמה" און האָט געגעבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס ער איז קעגן אַ מיליטערישע מפּלה פון רוסלאַנד. „אויב מיליטערישע מפּלות פון אַ לאַנד זאָלן זיין נוצלעך פאַר זיין אינערלעכער אַנטוויקלונג, איז נויטיק איין באַ-דינג: אַז זיי זאָלן נישט פירן צו דער אויסטריקענונג פון יענעם קוואַל, פון וועלכן עס שלאָגט דער פרישער שטראָם פון דער פרייהייט-באַשטרע-בונג פון אַ פאָלק. און ווו איז דער קוואַל פון אונזער באַפרייאונג- באַווע-גונג? אויף דער פראַגע ענטפער איך שוין באַלד איבער 30 יאָר: אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד...

דערפון איז געדרונגען, אַז אַזאַ מין מפּלה פון רוסלאַנד, וועלכע וועט אויפהאַלטן איר עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, וועט זיין שעדלעך פאַר דער רוסישער פאָלקס-פרייהייט און נוצלעך פאַר דעם צאַ-ריזם... וועט מען מיר זאָגן, אויב אַזוי, דאַרפט איר איבערגיין אין דעם

דינסט פון צאַריזם! אָבער אַזעלכע טענות האָבן מיך אויך פריער נישט געשראָקן. בעת איך האָב פריער דערקלערט: „רוסלאַנד קען נישט איבער־שפּרינגען די פאַזע פון קאַפּיטאַליזם און מיר מוזן קעמפן קעגן אַלץ, וואָס האַלט אויף זיין אַנטוויקלונג", פלעגט מען מיר זאָגן: אויב אַזוי, דאַרפט איר גיין דינען דעם קאַפּיטאַל!... אויב אַפילו דער צאַריזם וועט זיך צייט־ווייליק פאַרשטאַרקן, וועט דער נצחון פון רוסלאַנד דאָך פירן סוף כל סוף צו זיין מפּלה, ווייל דורך דעם נצחון וועט רוסלאַנד אויסמיידן יענע שטע־רונגען פאַר זיין עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וועלכע וואָלטן געשאַפן געוואָרן דורך אַ מפּלה. איך בין דאָך אַ מאַרקסיסט".

נישט אַלע רוסישע מענשעוויקעס זענען אַוועק מיט דעם וועג פון פּלעכאַנאָוו, אָבער לויט זיין נוסח (עקאָנאָמיש-פּאַטריאָטיש-סאָציאַליסטישן) האָבן גערעדט און געהאַנדלט די מייסטע ס. ד. פון דער וועלט. אַזוי־אַרום האָט זיך אַרויסגעשטעלט דער אינערלעכער שקר פון מאַרקסיזם, וועלכער האָט אַרויסגעדרונגען דעם פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַליזם. אָט טאַקע דערפאַר, ווייל דער פּראָלעטאַר־יאַט פון יעדן לאַנד האָט געזאָלט, לויט דער טעאָריע, אָפּהיטן דאָס פאַר־מעגן פון קאַפּיטאַליזם, האָט ער זיך אויך אויף לעבן און טויט און פאַרראַט פאַרבונדן מיט דעם היימישן פּאַטערלענדישן קאַפּיטאַליזם. די טעאָריע איז אַלזאָ נישט געוואָרן קיין סגולה קעגן דער וועלט-מלחמה.

אָבער דערדאָזיקער אָפּזאָג פון סאָצ. אינטערנאַציאָנאַליזם איז געשען אויך אין די אַנדערע לאַגערן. בעת אַ טייל ס. ר. (טשערנאוו, נאַטאַנסאָן, קאַמקאָוו) האָבן געפונען דעם ריכטיקן וועג צו צימערוואַלד, האָט אַן אַנדער טייל פון די פירנדיקע ס. ר. (אַווקסענטיעוו, בונאַקאָוו) זיך פאַרבונדן מיט פּלעכאַנאָוו אין דער פאַרטיידיקונג פון „רוסלאַנד". און אויך צווישן די אַנאַרכיסטן האָבן זיך געפונען פאַרטיידיקער פון היינטיקן פאָטערלאַנד; ס'איז געגאַנגען צו דערמאָנען קראָפּאָטקינען, די מאַטיוון, וואָס האָבן געטריבן צו אַזאַ שטעלונג די נישט-מאַרקסיסטישע רעוואָלוציאָנערן, זענען געווען פאַרשיידנאַרטיקע. אויסער עקאָנאָמישע האָט דאָ אַ גרויסע ראָל די מורא פאַר דעם נצחון פון דייטשן מיליטאַריזם, אָדער דאָס מיטגעפיל צום פראַנצויזישן פאָלק. יעדנפאַלס האָבן די אַלע קרייזן אונטערשטיצט זייער אייגן לאַנד און אויך די אימפּעריאַליסטישע מלחמה. און דאָס האָט באַוויזן, אַז אויך אין די טעאָריעס פון די אַנאַרכיסטן און די ס. ר. האָט נאָך געפעלט די ריכטיקע פאַרטיפונג, אַז אויך אין זיי האָט מען צופיל אויפמערקזאַמקייט געווידמעט אויף איין טייל פּראָבלעמען און דערמיט פאַר־נאַכלעסיקט די גרינדלעכע דערציאונג פונם רעוואָלוציאָנער.

די באָלשעוויקעס (אַחוץ קליינע אויסנאַמען, ווי, למשל, אַלעקסינסקי) האָבן תיכף אָנגענומען אַ קלאָרע אַנטי-פּאַטריאָטישע פּאָזיציע און זיי האָבן זי פאַרשאַרפט ביז צו דער ליניע פון „פּאָראַזשענטשעסטוואָ" (ווינטשן און צוגרייטן אַ מפּלה דעם אייגענעם לאַנד). ווי איז געווען צו דערקלערן די־דאָזיקע אַנטשיידענע און קלאָרע שטעלונג? ראשית כל דערמיט, וואָס דער

באָלשעוויזם האָט פון אָנהויב אָן אָנגענומען א פיינטלעכע פּאָזיציע בנוגע דער בורזשואזיע („אונזער פּראָגראם — האָט לענין געשריבן — איז א קריגס-דערקלערונג דער בורזשואזיע"). ממילא איז ער געווען מער באוואָרנט קעגן אַלע פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע אַקציעס פון די בירגערלעכע שטאאטן. דאָס האָט אים אויך נישט געלאָזן אריינפאלן אין דעם פּאַטערלאנד-פּסיכאָז פון דער מלחמה. צווייטנס, האָט דערביי מסתמא געשפּילט א גרויסע ראָל יענער מאַכט-טריב, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין גערעדט בנוגע דעם באָלשעוויזם. לענין האָט ביי דער מלחמה דערשפּירט, אז דער צאריזם קען קריגן א טויט-קלאַפּ, אז דערמיט עפענען זיך די וועגן פאר דער נייער סאָציאל-פּאָליטישער אומגרופּירונג פון די כוחות אין רוסלאַנד. און דאָס פּראָבלעם פון דעראָבערן די מאַכט האָט זיך פאַר אים ווידער געשטעלט אויפן סדר היום. ס'איז אינטערעסאַנט צו דערמאַנען דאָ זיינע טעזיסן, וועלכע ער האָט אויפגעשטעלט, אַלס עמיגראַנט, אין יאָר 1915 (אין דעם № 47 פון „סאָציאַל-דעמאָקראַט" פון 13/X). די טעזיסן № 5 האָבן אפילו דערקלערט, אַז „דער סאָציאַלער אינהאַלט פון דער נאָנטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד קען זיין נאָר אַ רעוו.-דעמאָקראַטישע דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און פּויערטום", און אַז „די אויפגאַבע פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט איז דורכצופירן ביזן סוף די בירגערלעך-דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע אין לאַנד". פונדעסטוועגן האָט דער טעזיס № 11 דערקלערט גאָר אַן אַנדער זאַך: „אויב די רעוואָלוציע וואָלט אַוועקגעשטעלט איצט די פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט (ד. ה. די באָלשעוויסטישע) ביי דער מאַכט, וואָלטן מיר פּאָרגעשלאָגן אַ שלום אַלע קריגפירנדיקע מלוכות, מיט דער פּלאַטפאָרם פון באַפרייען אַלע קאָלאָניעס און אָפּהענגיקע פעלקער. און היות ווי די אַלע מלוכות וואָלטן נישט אָנגענומען אונזער פּלאַטפאָרם, וואָלטן מיר געמוזט פירן אַ רעוואָלוציאָנערן קריג, ד. ה. דורכפירן מיט דער גרעסטער ענערגיע אונזער פּראָגראַם-מינימום און... אַרויסרופן דעם אויפשטאַנד פון סאָציאַליסטישן פּראָל—אַט אין אייראָפּע קעגן זיינע רעגירונגען". מיר דערמאַנען זיך, אַז ענלעכע פּלענער האָט לענין געהאַט אויך אין יאָר 1905, בעת ס'איז נישט געווען קיין וועלט-מלחמה. ער האָט אַלזאָ ביי יעדער היסטאָרישער געלעגנהייט געזוכט די מעגלעכקייט אַריינצונעמען אין האַנד די פּאָליטישע מאַכט. און אין דער „פּאָראַזשענטשעסטוואָ" האָט דער באָלשעוויזם געזען אַ וועג צו דער מאַכט.

עס וואָלט אָבער געווען אַ פעלער צו מיינען, אַז דער באָלשעוויזם האָט זיך לחלוטין נישט אָנגעשטעקט מיט דער וועלט-מלחמה. ער איז צו איר צוגעשטאַנען פון אַן אַנדער זייט, ווי די פּאַטריאָטן. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו אַלע תכסיסי מלחמה פון דער בורזשואַזיע און זיי אַלע שפּעטער אָנגעווענדט אין זיין „אייגענעם" בירגער-קריג. סיי די גרויזאַמסטע מעטאָדן פון קריג, סיי די פּרינציפּן פון מלוכהשן אויפבוי האָט ער שפּעטער אַריבערגעטראָגן אין זיין מאַכט-ספערע. דער „קריגס-קאָמוניזם" פון באָלשעוויסטישן רוסלאַנד איז געווען אַ ירושה פון קריג.

דער צווייטער גרויסער נסיון איז געקומען פאַר אַלע באַוועגונגען אין דער רעוואָלוציע 1917, שוין אין איר ערשטן בירגערלעך-דעמאָקראַטישן פּעריאָד פון קערענסקי. צ׳זיי, אָדער ריכטיקער געזאָגט, דריי פראַגן האָבן זיך שאַרף אַוועקגעשטעלט פאַר זיי: די מלחמה און די באַציאונגען צו דער בורזשואַזיע (אויפן פּאָליטישן און אויפן עקאָנאָמישן געביט). און וואָס האָט זיך דאָ אַרויסגעשטעלט?

פאַר דעם מענשעוויזם איז דאָס גאַנצע בילד פון דער רעוואָלוציע געווען דער היפוך פון דעם, וואָס ער האָט זיך טעאָרעטיש אויסגעמאָלט. דאָס פּועלים האָט געשפּילט אַ געוואַלטיקע ראָל אין די געשעענישן, סיי אַלס סאָלדאַטן אין דער אַרמיי, סיי אין די דערפער. עס איז אַרויסגעטרעטן „פּלוצים״ מיט קלאָרע סאָציאַליסטישע פּלענער. אויך דער פּראָל-אַט האָט אַרויסגעשטעלט צילן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דעם דאָגמאַטישן גדר פון אַ פּראָגראַם-מינימום, און בכלל איז די גאַנצע רעוואָלוציע — ביי דעם פּאָליטישן איבערגעוויכט פון די סאָוויעטן — ווייניק ענלעך געווען צו דער „נויטווענדיקער״ בירגערלעכער רעוואָלוציע. אָבער די מענשעוויקעס האָבן זיך נישט געלאָזט לערנען פון דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט. און ווייל זיי האָבן שטאָל און אייזן געהאַלטן, אַז אין דער רעוואָלוציע מוז דער פּראָל-אַט צוזאַמענגיין מיט דער בורזשואַזיע, האָבן זיי אָנגענומען אויך פירן ווייטער די מלחמה. די מלחמה איז געווען, קלאָר פאַר אַלעמען, געשעפטס-פּאָליטיק פון דעם רוסישן קאַפּיטאַל. אָבער אויב דער מענשעוויזם האָט געהאַלטן פאַר זיין היסטאָרישן מוז צו שטיין אין קאָאַליציע מיט דעם קאַפּיטאַל, האָט ער געמוזט פירן אין קאָאַליציע מיט אים אויך די מלחמה. דער מענשעוויזם האָט אויך פּאַקטיש געפירט ווייטער אַ קריג בעת דער רעוואָלוציע; און ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין דעם האָבן גענומען אַקטיוון אַנטייל, אַלס מלוכה- און סאָוויעט-מענער, אַפילו יענע מענשעוויקעס, וועלכע האָבן פריער געהאַלטן פעסט אָן דעם אינטערנאַציאָנאַליזם (צערעטעל, דאַן א. א.). אַזוי אַרום זענען די מענשעוויקעס געבליבן זיך טריי אין דער קאָאַליציע-פראַגע; זיי האָבן אָבער בוגד געווען אין זייער פּרינציפּיעלן פּראָגראַם-פּונקט פון אינטערנאַציאָנאַליזם. און דאָס האָט געפירט, אַז זיי האָבן מיט אייגענע הענט, אַזוי צו זאָגן, אויפגעריסן דעמזעלביקן בירגערלעכן סדר אין רוסלאַנד, וועלכן זיי האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק אויסצובויען. — אמת, מיט דריי יאָר שפּעטער, אין אַפּריל 1920, האָבן זיי אונטערן איינפלוס פון מאַרטאָוון אָנגענומען טעזיסן, וואָס זענען געווען נוטה אָנצודערקענען דעם סאָציאַל-רעוואלוציאָנערן כאַראַקטער פון די רוסישע געשעענישן. אָבער זיי האָבן עס אָנגענומען נאָר צוליב דער פאַרשטאַרקונג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין מ ע ר ב - א יי ר אָ פּ ע. און אַז

דאָרטן איז ווידער שטיל געוואָרן, האָבן זיי זיך אומגעקערט צוריק צו דער אנזיכט, אַז רוסלאַנד מאַכט דורך און מוז דורכמאַכן אַ בירגערלעך-קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג.

גאָר אַ טיפן איבערקער האָט איבערגעלעבט די פּאַרטיי ס. ר. פאַר דעם אָנגעזיכט פון דער טיפגייענדיקער רעוואָלוציע האָט זי זיך צובראָכן. צוערשט איז זי אין די ערשטע חדשים מעכטיק געוואַקסן, אין לאַנד, צווישן די מאַסן. אָבער שוין באַלד האָט זיך אָנגעמערקט די אינערלעכע שפּאַלטונג צווישן רעכטס און לינקס. דער רעכטער פליגל, האָבנדיק אויף זיין שפּיץ גרויסע פירער, האָט קאַפּיטולירט סיי פאַר דער מלחמה, סיי פאַר דער בורזשואַזיע. אונטער פאַרשיידענע אויסריידן האָט ער זיך פּאַקטיש פאַרבונדן מיט זיי. און דאָ איז קלאָר געוואָרן, אַז אין דער ס. ר.-פּאַרטיי האָבן אייגנטלעך צוזאַמענגעלעבט צוויי פאַרשיידענע עלעמענטן: פּאָליטישע רעוואָלוציאָנערן (וואָס האָבן געשטרעבט הויפּטזעכלעך צום פאַלן פון צאַריזם) און סאָציאַלע רעוואָלוציאָנערן. צוליב זייער ליידנשאַפטלעכער קאַמף-שנאה צום צאַריזם, האָבן די ערשטע ווייניק אָפּגעגעבן אויפמערקזאַמקייט צו דעם סאָציאַלן פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי. איצט בעת דער געמיינזאַמער פיינט, דער צאַריזם, איז געפאַלן, האָט זיך דער טיפער חלוק אַנטפּלעקט. דער חלוק האָט זיך נאָך מער פאַרשאַרפט ביי דעם אָפּשיין פון דער מלחמה. די רעכטע עלעמענטן האָבן דערשפּירט אין זיך דאָס פּאַטריאָטישע הארץ, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר רוסלאַנד, פאַרן פאָטערלאַנד. זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם רעאַלן פּנים פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, און זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר דעם שטאַט, פאַר דער דעמאָקראַטיע.

ווי איז דאָס מעגלעך געווען, אַז אַזעלכע עלעמענטן זאָלן קענען יאָרן לאַנג און אין קרבנות-פולן קאַמף שטיין הינטער דעם ס. ר.-פּראָגראַם? — אָבער מען מוז זאָגן, אַז טאַקע אין דעם פּראָגראַם, ווי ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין יאָר 1905, זענען געלעגן צום טייל די שרשים פון אַזעלכע אַנטוויקלונגען. מיר קענען דאָ נאָר אגב אורחא אָנווייזן אויף די דאָזיקע שרשים. די אידעאָלאָגיע פון ס. ר. האָט אונטערגעשטראָכן די אייגנאַרטיקייט פון רוסלאַנד און זיינע וועגן צום סאָציאַליזם. אַן איבערגעטריבענע באַטאָנונג פון דעם מאָמענט האָט אָבער געקענט שטאַרקן דאָס פּאַטריאָטיש געפיל אין געוויסע פּאַרטיי-שיכטן.—ווייטער: אין פּראָגראַם זענען געווען אַריינגעבראַכט טאַקע מאָמענטן, וועלכע זענען פרעמד דעם ריינעם מאַרקסיזם. עס האָט זיך גערעדט וועגן „פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, וועלכער דריקט זיך אויס אין קאַמף פאַר סאָציאַלע סאָלידאַריטעט און האַרמאָנישע אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט". עס איז גערעדט געוואָרן וועגן דעם, אַז „באַוווּסטזיניקע קעמפער פאַר אמת און גערעכטיקייט מישן זיך אַריין אין דעם באַפרייאונגס-קאַמף", און דערמיט איז אָפּגערוקט געוואָרן די „נאַטורנויטווענדיקע, סטיכישע אַנטוויקלונג" פון מאַרקסיזם. אָבער פונדעסטוועגן האָט דער מאַרקסיסטישער איינפלוס שטאַרק געוועלטיקט אין פּראָגראַם. דער עטישער אידעאַל איז נישט געווען

אויפגעשטעלט אויפן ערשטן פּלאַץ, ווי אַן אויסגאַנג-פּונקט פון דער סאָציאַליסטישער באַגרינדונג. מען האָט — אין דער דעמאָלטיקער צייט פון מאַרקסיסטישער אַליינהערשאַפט — געזען דעם שטאָלץ אין דערויף צו באַווייזן, אַז מען איז נישט ערגער פון די מאַרקסיסטן, און מען האָט געפּלייגט גרויסן ווערט צו באַווייזן, אַז די עקאָנאָמישע, קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג גייט „מיט אונז", אין אונזער ריכטונג. — און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז שפּעטער, אין דער רעוואָלוציע, האָט דער רעכטער טייל פון דער פּאַרטיי גענומען קעמפן קעגן דעם סאָציאַלן פאַרנעם, שטיצנדיק זיך אויף „עקאָנאָמישע ראיות". נישט ערגער, ווי די מענשעוויקעס, האָט ער געזוכט באַווייזן, אַז דאָס לאַנד איז טעכניש, עקאָנאָמיש א. א. וו. נישט צוגעגרייט צו די גרויסע שינויים.

און נאָך עפּעס: דער עטישער מאָמענט אַליין אין אַ פּראָגראַם איז נאָך נישט אַלץ. ווייל עס איז מעגלעך אַ מאַקסימאַליסטישע עטיק און אַ ליבעראַלע קליינקעפּלדיקע עטיק (פאר דער מאקסימאליסטישער איז כאַראַקטעריסטיש צווייערליי: די גרויסקייט פון די צילן און די גרויסע גייסטיקע צוגרייטונג פון דעם מענטשן), איז דאָס נישט געווען קלאָר אויסגעשפּראָכן אין ס.-ר. פּראָגראַם. — אמת, ס'איז דאָרטן געשטאַנען: „די פּארטיי ס. ר. קעמפט פאַר אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. איר פּראָגראַם פון איבערבוי וועט זי סיי פאַרטיידיקן אין דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, סיי שטרעבן דורכצופירן תיכף אין דעם רעוו. פּעריאָד". אמת, די פירער האָבן נישט איינמאָל דערקלערט, אַז „דער פאַרנעם פון דער רעוואָלוציע איז פאַר אונז נישט באַשרענקט, זאָל נאָר זיין גענוג סאָציאַלע כוחות צום קאַמף". אָבער דאָס איז, ווייזט אויס, נישט געווען דער פּאַטאָס פון אַלעמען. — און אַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז עס האָבן זיך געבילדעט די לינקע ס. ר., וועלכע האָבן זיך איצט אַנדערש צונויפגעטראָפן מיט די מאַקסימאַליסטן פון 1905. יענע האָבן די אַנטוויקלונג פון דער פּאַרטיי און אויך פון דער רעוואָלוציע פאַרויסגעזען שוין דעמאָלט. די ל. ס. ר. האָבן נישט געדאַרפט אפילו ענדערן זייערע לאָזונגען. „ערד און פרייהייט" האָבן זיי פּראָקלאַמירט ווייטער און אַריינגעלייגט אין די ווערטער — קעגן די רעכטע — דעם קאַמף „פאַר דער גאַנצער ערד, פאַר דער גאַנצער פרייהייט, פאר דעם גאַנצן סאָציאַליזם!" דאָס זענען אָבער געווען ווערטער פון אַלע ס. ר. נאָך אין יאָר 1903.

די ל. ס. ר. האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין צוגרייטן די אָקטאָבער רעוואָלוציע. די אַנאַרכיסטן האָבן געהאַט פאַר זיך פון אָנהויב אָן דעמזעלביקן וועג.

די באָלשעוויקעס האָבן נאָך מיט אַ גרעסערן אימפּעט צוגעגרייט דעם אָקטאָבער. אמת, אלס מאַרקסיסטן און פּראָלעטארישע פאנאטיקער האָבן זיי נישט געקענט האלטן די רוס. רעוו. פאר א סאָציאַליסטישע, אָבער שוין אין די מלחמה-טעזיסן פון 1915 האָט לענין זיך דערקלערט פאַר גרייט איבערצונעמען די מלוכה-מאכט. איצט ביי דעם צושטאַנד פון די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען — איז אים די מאַכט געגאַנגען אַנטקעגן.

# VIII

דעם דריטן נסיון האָבן די רוסישע רעוו. באוועגונגען געהאַט אויסצושטיין אין דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע. ס'איז אומגעפער קלאָר, ווי ס'האָבן זיך געהאלטן אין איר די אַנאַרכיסטן, די לינקע ס. ר., די מאַקסימאַליסטן. זייער אויפגאבע איז געווען פונאנדערצובינדן די שפּעפערישע פרייע כוחות פון די מאסן. דאָס נייע איז געקומען פון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן איצט אַנטפּלעקט זייער עכטע נאטור. אייגנטלעך איז זייער איצטיקע אַקטיוויטעט געווען שוין באשטימט פון פריער דורך זייער מאכט-טעאָריע. אָבער ערשט איצט האָט זי זיך פונאנדערגעבליט אָפן און שטורמיש. דער באָלשעוויזם האָט זיך אוועקגעשטעלט קעגן די מאסן, פאר דער גרופּן- און פערזאָנען-דיקטאטור פון דער פארטיי. אין אַן אָפּיציעלן פּאָרטראג „וועגן די אַקטועלע אויפגאבן פון דער ראַטן-מאַכט", געהאלטן פאר דעם צענטראַלראט פון די סאָוויעטן אין מאָסקווע, האָט לענין דאָס דעם 29.IV.1918 קלאָר פּאָרמולירט: „אויב מיר זענען נישט קיין אַנארכיסטן, מוזן מיר אָנערקענען די נויטיקייט פון א מלוכה, ד. ה. פון אַ צוואנג פאר דער איבערגאנגסצייט צום סאָציאליזם. די פאָרם פון צוואנג הענגט אָפּ פון דעם אַנטוויקלונגסגראד פון דעם רעוו. קלאס און פון פאַרשיידענע באזונדערע אומשטענדן, ווי, למשל, דער ווידערשטאנד פון דער בורזשואזיע. דערפאר איז לחלוטין נישטאָ קיין פּרינציפּיעלע סתירה צווישן דעם סאָוויעטישן דעמאָקראַטיזם און אַ דיקטאטאָרישע מאכט פון איינצלנע פערזאָנען... ווי קען זיין גאַראַנטירט די איינהייטלעכקייט פון ווילן, וועלכער פירט אָן מיט דער אַרבעט פון טויזנטער מענטשן? נאָר דורך אונטעראָרדנען דעם ווילן פון טויזנטער אונטער דעם ווילן פון איינעם". — מיר דערקענען דאָ לייכט דעם אַלטן נוסח פון לענינען פון 1902. און ס'איז קיין וואונדער נישט, אַז ס'האָט געמוזט קומען צו דעם שאַרפן צוזאַמענשטויס צווישן די באָלשעוויקעס און די אַנדערע לינקע רעוואָלוציאָנערן.

פאַרוואָס האָבן אין דעם צוזאַמענשטויס אָבגעהאַלטן אַ נצחון די באָלשעוויקעס? מיר קענען דאָ נישט ברייט אונטערזוכן די פראַגע, אָבער מיר ווילן אָנווייזן אויף צוויי פונקטן. אויסער פאַרשיידענע סאָציאַלע אורזאַכן פון דעמדאָזיקן זיג, האָט דאָ געשפּילט אַ ראָל ערשטנס דאָס, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אינערלעך נישט מורא געהאַט אויפצוהויבן אַ האַנט קעגן זייערע חברים סאָציאַליסטן, קעגן די רעוו. מאַסן. זיי זענען געווען די איינציקע צווישן אַלע רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן זיך באַוווסטזיניק צוגעגרייט צו קעמפן נישט נאָר קעגן צאַריזם און די בורזשואַזיע, נאָר אויך קעגן די אַרבעטנדיקע און סאָציאַליסטן. דידאָזיקע

פסיכישע גרייטשאַפט איז ממילא געווען אַ פּלוס ביי זייער צוזאַמענשטויס אין דער רעוואָלוציע. זיי האָבן געזיגט אָבער אויך צוליב דעם, וואָס זיי האָבן זיך געשטיצט נישט נאָר אויף דער סאָציאַלער מאַכט פון אַ קלאַס, נאָר אויך אויף דער טעכניש-אָרגאַניזאַטאָרישער מאַכט פון אַן אַ פּ אַ ר אַ ט. קיין סאָציאַליסטישע גרופּירונג האָט דאָס פריער נישט פאַרשטאַנען אין פולן מאָס, בעת די באָלשעוויקעס האָבן דעמדאָזיקן מוסר השכל אַרויסגעטראָגן פון דער בירגערלעכער וועלט און האָבן עס שפּעטער צוגעגרייט אין דער רעוואָלוציע פאַר זיך. דערפאַר האָבן זיי, למשל, אין מאָמענט פון זייער צוזאַמענשטויס מיט די אַנאַרכיסטן און לינקע ס. ר. שוין פון פריער אָן געהאַט צוגעגרייט רשימות פון די „פרעמדע" חברים און זייערע אַדרעסן, אום זיי תיכף מיט אַ מאָל צו אַרעסטירן.

אין וואָס דער באָלשעוויזם אַלס פאַרטיי און מלוכה האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט, איז אַלעמען באַקאַנט. ס'איז נויטיק נאָר צו דערמאָנען אַ פּאָר שטריכן. דער באָלשעוויזם האָט זיך פּראָקלאַמירט אַלס דיקטאַטור איבער דער ב ו ר ז ש ו אַ ז י ע, אָבער אינערלעך האָט ער זיך אַלץ מער און מער דערנענטערט דוקא צו איר. אומעטום, אין דעם אויפבוי פון דער מלוכה, פון דער דיפּלאָמאַטיע, פון דער ווירטשאַפט, אין דעם אַרויסרוקן פון געוויסע סטימולן צום אַרבעטן און שאַפן, אין דער פאַראַכטנדיקער אָפּשאַצונג פון מענטשן, האָט זיך אַנטפּלעקט אַ ליניע, וועלכע האָט זיך געצויגן דירעקט פון קאַפּיטאַליזם. אין דער צייט פון „קריגסקאָמוניזם" האָט טאַקע דער באָל-שעוויזם גענומען זיך פאַר אַ מוסטער פאַר דעם אויפבוי פון דער ווירטשאַפט די קריגסווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וועלכע דייטשלאַנד האָט אויפגע-שטעלט אין דער מלחמה. און אַז ס'איז איינגעפירט געוואָרן דער „נעפּ", איז ווידער אַ מאָל אַלס מוסטער אויפגעשטעלט געוואָרן דער קאַפּיטאַליס-טישער אַמעריקאַניזם מיט זיין פּאָרד. די באָלשעוויקעס האָבן אַלזאָ געוואָלט פירן דעם בלוטיקסטן קאַמף קעגן די ב ו ר ז ש ו י ע ס און דאָך האָבן זיי דעם מלוכה- און לעבנס-סטיל אַריבערגענומען פון דער בורזשואַזיע. (אין דערדאָזיקער אינערלעכער צונייגונג צום קאַפּיטאַליזם האָט זיך אויך אַרויסגעשטעלט זייער קרובהשאַפט מיט די מענשעוויקעס).

זיי האָבן איינגעפירט אַלס די פירנדיקע ליניע פון דער ווירטשאַפט דעם א י נ ד ו ס ט ר י אַ ל י ז ם, און אויף די פאַבריקן אַ דיסציפּלין, גענומען פון דער אַלטער פאַבריק-וועלט. ס'איז צו באַמערקן, אַז נאָך אין די אַלטע יאָרן האָט לענין געפאָדערט איינצופירן אין דער פאַרטיי אַזאַ מין דיסציפּלין, ווי אין אַ פאַבריק, און שוין דעמאָלט איז ראָזאַ לוקסעמבורג (אין דער „איסקראַ" № 69) אַרויסגעטראָטן קעגן לענינען: „מ'דאַרף אַרויסגיין נישט פון יענער דיסציפּלין, וועלכע ווערט אַריינגעקלאַפּט אין פּראָלעטאַריאַט דורך דעם קאַפּיט. שטאַט, און פשוט איבערגעבן דעם שטעקן פון די הענט פון דער בורזשואַזיע אין דעם רוסישן סאָציאַל-דעמאָקראַטישן צ. ק.; נאָר צוברעכנדיק און אַרויסרייסנדיק מיטן וואָרצל אָט דעם גייסט פון שקלאַפישער דיס-ציפּלין, קען דער אַרבעטער-קלאַס דערציען זיך פאַר אַ נייער, פרייער

װעלבסטדיסציפּלין". מ׳קען פאַרשטײן, אַז איצט, װען די פּאַרטײ איז געװאָרן די מאַכט אין לאַנד, האָט לענין געװאָלט אױפשטעלן אין דער פאַבריק אַזאַ מין דיסציפּלין, װי בײ זיך אין דער פּאַרטײ.

דער באָלשעװיזם האָט פאַרװאַנדלט דעם פּראָלעטאַריאַט אין אַן אַריסטאָקראַטישן קלאַס. אײגנטלעך שױן נישט מער אין אַ קלאַס, נאָר אין אױסגעקליבענע שיכטן און קאַסטן פון הערשער. דערמיט האָט מען דעם שטאָט-אַרבעטער שאַרף אַנטקעגנגעשטעלט צו דעם פּױער און צו זײן לאַנדװירטשאַכטלעכער אַרבעט, װען זי טראָגט אַפילו אַ סאָציאַליסטישן כאַראַקטער. זײ האָבן געשאַפן אַ שטאַט, װאָס איז צענטראַליסטישער און ביוראָקראַטישער, אײדער די בירגערלעכע שטאַטן. זײ האָבן דעמדאָזיקן אױסװוקס פון זײער שטאַט שטענדיק געזוכט מכפּר צו זײן דערמיט, װאָס עס האַנדלט זיך נאָר װעגן אַן איבערגאַנגס-סטאַדיע. אָבער זײ האָבן דורך דעם טעראָר אַזױ אָפּגעפּרישט און פאַרשטאַרקט די פּסיכאָלאָגיע, די הכנעה- און הערשאַפטס-געפילן פון אַ שטאַט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ איבערגאַנגס-סטאַדיע, װאָס פירט אױף צוריק. מיר האָבן דאָ באַרירט אַלץ די הױפּטעלעמענטן פון זײער מאַרקסיסטיש פּראָגראַם, אום צו באַװײזן, צו װאָס זײ האָבן געבראַכט. פּונקט אַזױ איז דאָס מיט דעם עלעמענט פון אינטערנאַציאָנאַליזם. די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון באָלשעװיזם האָט אױסגענוצט די קאַמפן פון פעלקער און האָרעפּאַשנע קלאַסן נאָר פאַר די צװעקן פון אױפהאַלטן זײן מאַכט אין רוסלאַנד. הײנט איז דידאָזיקע פּאָליטיק נישט קײן אַנדערע, װי די אַלגעמײנע קאַפּיטאַליסטישע און אַזיאַטישע דיפּלאָמאַטיע. װי מאַרקס האָט אַמאָל געזאָגט װעגן צאַריזם, קען מען זאָגן אױך הײנט, אַז די האַנט פון פּעטערבורגער „קאַבינעט" פילט זיך אין אַלע רעגירונגען פון אײראָפּע. — ס׳פאַרשטײט זיך, אַז אױך דער פינפטער עלעמענט פון זײער אַלטן פּראָגראַם (די באַציאונגען אין דער פּאַרטײ) האָט אָנגענומען גאָר אַ בײזן כאַראַקטער. די באַציאונגען אין דער פּאַרטײ און אין די נאָנטע שיכטן פון פּראָלעטאַריאַט זענען אױפגעבױט אױף קעגנזײטיקן אומצוטרױ, אױף שקר און אױף אינקװיזיציע (געגנוג צו דערמאָנען: טראָצקי, בוכאַרין, מיאַסניקאָװ).

דאָסדאָזיקע שױדערלעכע בילד פון באָלשעװיזם האָט זיך נישט גלײך אַנטפּלעקט בײ זײן צוזאַמענשטױס מיט די אַנדערע לינקע גרופּירונגען, אָבער די טענדענץ איז געװען בולט. און פונדעסטװעגן זענען — אונטער די שלעג פון דעם אַפּאַראַט — צו זײ אַריבערגעגאַנגען אַ טײל פון ערלעכע לינקע ס. ר און אַנאַרכיסטן. זײ האָבן נישט אױסגעהאַלטן דעם דריטן נסיון. בשעת זײער פאָרם פון אַקטיװיטעט אין דער סאָציאַלער רעװאָלוציע איז צובראָכן געװאָרן, האָבן זײ איבערגענומען די באָלשעװיסטישע פאָרם. זײ האָבן זיך אײנגערעדט, אַז קײן אַנדערע פאָרם איז שױן נישט מעגלעך. אַט אַזױ האָבן זיך געשאַפן ס. ר.-שע באָלשעװיקעס און אַנאַרכאָ-באָלשעװיקעס. דאָס איז װידער געװען אַ באַװײז, אַז אין די אידעען-סיסטעמען פון די ס. ר. און אַנאַרכיסטן איז נישט אַלץ געװען גלאַטיק; אַז אױך

דאָרטן זענען ווידער געווען „שמאָלע ווינקלען", וווּ מען האָט נישט דורכ-געטראַכט די פראַגן ביזן סוף — און דאָס האָט געשאַפן די מעגלעכקייט פאַר רעוואָלוציאָנערע קרייזן פון לינקע ס. ר. און אַנאַרכיסטן צו קאַפּי-טולירן פאַרן באָלשעוויזם.

ס'איז געווען אַ געביט אין רוסלאַנד, וווּ די אַנאַרכיסטן האָבן אין דערדאָזיקער צייט געפּרוווט צו פאַרווירקלעכן זייער אייגן פּראָגראַם. דאָס איז געווען אין דעם געביט פון דעם מאַכנאָ-קאַמף. מיר וועלן נאָך רעדן וועגן דעם שפּעטער. מיר ווילן נאָר דאָ באַמערקן, אַז לויט דער שילדערונג, וועלכע ס'האָט געגעבן אין זיין בוך אַרשינאָוו, איז דאָס פּראָגראַם נישט פיל אָבגעטיילט פון דעם לינקן ס. ר.-פּראָגראַם אין דער רעוואָלוציע.

## IX

מיר האָבן געזען דעם שטורעם פון די דריי נסיונות, וועלכער האָט זיך אַריבערגעטראָגן איבער אַלע פיר רוסישע רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען. לאָמיר איצט פּרווון אַ קוק טאָן, וואָס פאַר אַ חורבן האָט אָנגעטאָן דער שטורעם, וואָס פאַר אַ ירושה ער האָט איבערגעלאָזן. — די וועלט-מלחמה האָט אַריינגעטראָגן אַ צושטערונג כמעט אין אַלע ריכטונגען. נישט די מאַרקסיסטישע, נישט די נאַראָדנישע, נישט די אַנאַרכיסטישע אַלס אַזעלכע האָט געקענט אָפּ-האַלטן דעם פּראָצעס. אַז ס'איז געקומען די רעוואָלוציע 1917, זענען אפשר די מענשעוויקעס אַמייסטן געבליבן טריי זייער דאָגמאַטיק, אָבער אפילו זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן צו פירן ווייטער די מלחמה. די באָלשעוויקעס האָבן טעאָרעטיש געלייקנט אין סאָציאַליסטישן כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אָבער אַז ס'איז געקומען די צייט, האָבן זיי איבערגעשפּרונגען זייער טעאָריע און אָנגעהויבן פירן אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. די ס. ר. האָבן געוואַרט דוקא אויף אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, אָבער אַז זי איז געקומען, האָט אַ טייל פון זיי אָבגעזאָגט זיך פון זייער מאַקסימאַליזם, און נאָך אַ טייל איז אַריבער צו די באָלשעוויקעס, אָפּזאָגנדיק זיך דערמיט פון צו פירן די רעוואָלוציע אין ס. ר.-שע פאָרמען. — די אַנאַרכיסטן ענדלעך האָבן גלייך געפונען דעם אָנשלוס צו דער רעוואָלוציע, אָבער אַ טייל פון זיי האָט פאַרלאָרן זיין וועג, אַריבערגייענדיק אין דעם לאַגער פון באָלשעוויזם.

וועלכע אויספירן קען מאַכן היינט דער אויפריכטיקער ראַדיקאַלער סאָציאַליסט? אייגנטלעך וואָלטן אויספירן נישט געדאַרפט זיין אין דערדאָזיקער איבערזיכט-אַרבעט, מיר וועלן אָבער פּרווון מאַכן אייניקע אויספירן. ס'איז קלאָר, אַז דער מענשעוויזם און דער וועג פון די רעכטע ס. ר. איז נישט

דער וועג, וואָס פירט פאָרויס. ער איז אין בעסטן פאַל אַ גרויס-אָנגעלייגטע סאָציאַלע פילאַנטראָפיע, אין יעדן פאַל איז ער אַ צופּאַסונג צו דער בירגערלעך-דעמאָקראַטישער, קאַפּיטאַליסטישער, מלוכהש-פּאַטריאָטישער וועלט. ס'איז אויך קיין וועג נישט דער באָלשעוויזם. ער שטייט היינט אין קאַמף מיט דעם לאַנד, וועלכן ער האָט דעראָבערט, ער האָט נישט געבראַכט די מאַסן נענטער צום סאָציאַליזם און ער האַלט אין צוברעכן זיך. — אויסוועגן ליגן אין יענער ריכטונג, צו וועלכע עס שטרעבן די געזונט-געבליבענע טיילן פון די ס. ר. (לינקע ס. ר. און מאַקסימאַליסטן) און אַנאַרכיסטן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, האַלטן דידאָזיקעביידע באַוועגונגען אין אַנטוויקלען זיך, אין בעסער דערקענען דעם אייגענעם מהות. די לינקע ס. ר. האָבן אין משך פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע דערקענט און פאַרשאָלטן דעם אימפּעט פון דעם שטאַט. אין אַלע זייערע טעאָרעטישע דאָקומענטן האָבן זיי אויפגעשטעלט פּלענער, ווי צו פאַרשמעלערן און אָפּצוטעמפּן די פונקציעס פון אַ מלוכה, ווי אויפצובויען די אָרגאַנען פון די פּראָדוצירער און קאָנסומענטן. אין דעמדאָזיקן גייסט ווערט דערצויגן אַ נייער דור פון מאַקסימאַליסטן. פון דער אַנדער זייט אָבער קומט פאָר אויך אַ וויכטיקע אַנטוויקלונג אין די רייען פון די רוסישע אַנאַרכיסטן. אַרשינאָוו שרייבט (אין דער „אָרגאַניזאַציאָנס-פּלאַטפאָרם פון דעם אַלגעמיינעם-אַנאַרכיסטן-בונד") אין יאָר 1926, אַז „נישט געקוקט אויף די קראַפט פון די אַנאַרכיסטישע אידעען, נישט געקוקט אויף די גרויסע קרבנות פון די אַנאַרכיסטן, איז די באַוועגונג געבליבן שטענדיק שוואַך... דווקא אין דער רעוואָלוציע 1917 איז די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג געווען אין העכסטן מאָס צעבראָקלט און פאַרווירט". און דידאָזיקע אַקטיווע גרופּע פון די רוסישע אַנאַרכיסטן סטאַרעט זיך אַריבערצוגיין פון די ריין אַבסטראַקטע פאָרמעלן פון אַנאַרכיזם (וועלכע האָבן נישט געוואָלט וויסן פון קיין איבערגאַנגס-פּעריאָדן) צו קאָנקרעטע פּלענער פון סאָציאַלרעוואָלוציאָנערן אויפבוי. דידאָזיקע קאָנקרעטע פּלענער האָט מען געזוכט צו פאַרווירקלעכן אין דער מאַכנאָ-באַוועגונג. אין דעם בוך פון אַרשינאָוו „געשיכטע פון דער מאַכנאָ-באַוועגונג" לייענען מיר וועגן דעם: „אין דער פראַגע פון דער געזעלשאַפטלעכער פאַרוואַלטונג האָבן זיך די פּויערים און אַרבעטער פון דעם געביט געהאַלטן פאַר דער אידעע פון פ ר י י ע אַ ר ב ע ט ס-ר אַ ט ן. אין אונטערשייד פון די פּאָליטישע סאָוויעטן פון די באָלשעוויקעס און אַנדערע סאָציאַליסטן, האָבן די פרייע ראַטן געדאַרפט זיין אָרגאַנען פון סאָציאַלעקאָנאָמישער זעלבסט-רעגירונג. יעדער אַזאַ פרייער ראַט איז געווען דער אויספירער פון דעם ווילן פון די האָרעפּאַשניקעס און זייערע אָרגאַניזאַציעס". אַזאַ מין פאָרם פון זעלבסטהערשאַפט פון פאָלק איז פּרינציפּיעל נישט אַנדערש פון דעם פּראָגראַם פון ס ר.-מאַקסימאַליסטן. אמת, אַנאַרכיסטן אונטערשטרייכן שטענדיק, אַז זיי מיינען צו בויען נאָר פרייע ראַטן אָן דעם עלעמענט פון מלוכה. אָבער דער ממשלה-מאָמענט בלייבט אויך דאָ. און דערזעלבער אַרשינאָוו דערציילט נישט ווייניק, ווי שטריינג ס'איז געווען די דיסציפּלין, און ווי אָפט מ'האָט געברויכט דעם טויט-שטראָף אויף דעם גע-

ביט פון מאַכנאָ. אוודאי איז דאָס פּאַרגעקומען אין דער שווערער קאַמף-צייט פון דער מאַכנאָ-באַוועגונג, אָבער פונדעסטוועגן זענען אין דער באַוועגונג נישט געשאַפן געוואָרן פאָרמען, וועלכע זאָלן זיך אין תוך אָפּשיידן פון די אויפבוי-פאָרמען פון די לינקע סאָציאַליסטן אָט אַזוי שאַפט זיך א געמיינזאַמער טעאָרעטישער באָדן פאַר נאָנטע באַוועגונגען.

די אויפגאַבע פון דער צוקונפט וועט זיין צוזאַמענצופּאַסן אין איין באַוועגונג אַלע לינקע עלעמענטן פון סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם. אין דער זיי פאַרבינדנדיקער טעאָריע וועלן מוזן ווערן אַריינגענומען די אויספירן פון די דריי סיסטעמען (מאַרקסיזם, נאַראָדניקעס, אַנאַרכיזם). אָבער ס׳איז קלאָר, אַז עס האַנדלט זיך נישט וועגן שאַפן נאָר אַ קיילעכדיקע טעאָריע. מיר האָבן געזען, ווי אַ סך טעאָריעס זענען צעשטערט געוואָרן בעת אומדערוואַרטעטע געשעענישן האָבן אַריינגעשלאָגן אין זיי. אַזעלכע היסטאָרישע קלעפּ קען קריגן אויך אַ נייע טעאָריע, אויב זי וועט נישט זיין באַוואָרנט — מיט אַן עכטער סאָציאַליסטישער דערציאונג פון דעם קעמפער אין גייסט פון מאָראַלישן מאַקסימאַליזם. עס הערשט היינט צו טאָג אין לינקן לאַגער אַ פאַרביטערטער קאָנקורענץ-גייסט, אַ פראַקציאָנעלער אומצוטרוי. דאָס איז אַ דירעקטער איינפלוס פון באָלשעוויזם. די צוקונפט וועט געהערן דער באַוועגונג ערשט דעמאָלט, ווען זי וועט זיך דערהייבן איבער דערדאָזיקער לאַגע און וועט נישט פאַרזען דעם געמיינזאַמען ציל, וועלכער קען נישט אויסגעמעקט ווערן פון דער וועלט. דאָס איז — די פאַרמענטשלעכטע סאָציאַלע רעוואָלוציע.